Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 35 גראשען

היינט 16 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-נעזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

39	Łódź, Piątek 14 lutego 1930	אכטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג טו שבט, תר״צ	Nr. 39

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בעקאנטמאכונג.

אויב איהר ווילט קויפען די פיינסטע האנד-ארבייט, ווי: סערוועטען, לויפערס, קישענס, אויך גארן D. M. C. מויבען-וואל, ווילושקא, און אלע צודאטען. גלייכצייטיג פון די פיינסטע שטרימפ, שקארפעטן, הענדשקעס, רעפארמעס, 1-טע און 2-טע סארט, בעזוכט

דאס ביי ערעפענטע געשעפט

„FÉMINA“

אויף זאוואדזקא 13, טעל. 214-61

בעמערקונג: מיר מוסטרירען אויך פון אונ-אנפארטרויטע שטאפען די פיינסטע אויספיהרונג.

„צעירי אגודת ישראל“ לאדז, נארוטאוויטשא 11

אויף דער איינלאדונג פון „צעירי אגודת ישראל“ אין לאדז

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

האמדער פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער „אגודת-ישראל“-ארגאניזאציע

מורנו ר׳ יעקב ראזענהיים שליט״א

בעוויליגט ארויסצוטרעטען מיט א אייבאייבציגעז פאליטישען רעפעראט א. ד. ט.:

„די פאליטיק פון אגודת ישראל“

דער רעפערעט קומט פאר זונטאג, פ׳ יתרו, דעם 16-טען פעברואר 1930, פינקטליך 30 8 אין אווענד.

בעמערקונג: גאלעריע רעזערווירט פאר פרויען

DYREKCJA

Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc.,

(Elektrownia Łódzka)

zawiadamia Pp. Odbiorców prądu, że stosownie do §§ 75, 80, 81, 82 i 96 uprawnienia rządowego Nr. 12, ceny prądu, obowiązujące Pp. Odbiorców na miesiąc styczeń 1930 roku, obliczone na dzień 7 lutego roku bieżącego, wynoszą za jedną kilowatogodzinę:

dla światła 98,82 gr.

dla siły 36,60 gr.

z opustami, przewidzianemi w uprawnieniu rządowem.

W zależności od terminów zapłaty, oraz na zasadzie poszczególnych umów udzielone będą opusty dodatkowe.

5051

עקאנאמיש

מעכאנישע פארבעריי פון שיך און לעדער-אויסארבייטונגען

„JEDYNA“ „יעדינא“

פיעטריקאווער 106, שוין טעטיג

פארבט אויף זעמשליכע פארבען און ניואנסען.

שיך (בעזוילען אויפ׳ן ארט), האנד-ביימלן, לעדער-טאשן, קורטקעס, מאנטלען, מעבעל-בעצוגען א.ז.וו. שנעלע און סאלידע אויספיהרונג!

שנעלסטעס — דויערהאפט

עלעגאנט

צו אלע פיעטריקאווער, וועלכע וואוינען אין לאדז!

מיר רופען אלע פיעטריקאווער צו קומען זיך רעגיסטרירען אלס מיטגלידער אין דער

הילפס-קאסע. וואס ווערט יעצט געגרינדעט,

כדי מיר זאלען קענען, וואס שנעלער רופען די אלגעמיינע פערזאמלונג און די קאסע זאל קענען אנהויבען די טעטיגקייט. וועלכע עס איז ביי דער יעצטיגער צייט זעהר נויטיג; גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז עס איז ארויס-געשיקט געווארען א ווערבירונגס-קאמיסיע.

די פערוואלטונג איז טעטיג 3 מאל אין דער וואך שבת, מאנטאג און דאנערשטאג פון 7 אווענד אין לאקאל נאוואמיעסקא 22, פראנט, 3 שט.

מיט אכטונג די צייטווייליגע פערוואלטונג.

אכטונג! אכטונג!

יורשים פון יאנאס פרענקעל!

ירושה אין ברעסלוי.

שבת, דעם 15 פעברואר ד. י., 7 א זייגער אווענד, קומט פאר אויף קאנסטאנטינער 16, ביי פרענקעל

אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון די יורשים

צו וועלכער אלע ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען, ווייל עס האנ-דעלט זיך אין אייער אייגענעם אינטערעס.

מיט אכטונג דער פרענקעל-קאמיטעט.

צענטראלער יודישער האנדווערקער - פערבאנד

אין לאדז און אומגעגנד, פאלודניאווא 4.

אכטונג, האנדווערקער!

מארגען, שבת, דעם 15. ד. ח. 5 א זייגער אווענד קומט פאר אין זאל „פאלאסעאום“, זאכאדניא 53

א האנדווערקער-מאסן-מיטינג

אויפ׳ן טאג-ארדנונג: אקטועלע און דרינגענדע לעבענס-פראגען פון יודישען האנדווערקער אין יעצטיגען מאמענט.

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען: דעפ. ח. ראסנער, די רעפרעזענטאנטען פון דער האנדווערקער-קאמער און אנד. די פערוואלטונג.

6209

פאלקס-אוניווערזיטעט

ביי ה״ר צוני סט-שער ארגאן זאצי

מארגען, שבת ד. 15 פעברואר, 6 אווענד אין לאקאל פון דער פאלקס - אוניווערזיטעט (צעגעלניאנא 4)

העברעאישע פארלעזונג

א. ד. ט. „די יודען אין פוילען“

פרעלעגענט ד״ר פ. פרידמאן אייננאנג פריי

די נאהנסטע פארלעזונגען:

זונטאג 16/2 30 8 אווענד פראפ. ז. פאזנער, „די נייעסטע שטר מונגען אין דער א״ראפעישער ליטעראטור“

ביילייד

מיין טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דער פאמיליע ראפוך צוליב דעם טויט פון זייער ברודער און שוואגער

מרדכי מענדל גרינשטיין נ״ע

זייט געטרייסט!

מ. גייסט

רעכטס-קאנסולטענטען-ביורא

„JUSTICE“

פיעטריקאווער 62, טעל. 183-84

ערלעדיגט אמבעסטען יקלאגזולעס, ואבעזאפיעטשעניעס פאר אלע סוחרים :---: און פאבריקאנטען. :---:

שרייבט ב׳טעם אין אלע אינסטאנצען

ר׳ מענדל לאסקער

פון זדונסקא וואלא, ווינעק 8, שטעהט איין ביי ר׳ מאטעל לאנדוי, זאכאדניא 52 פראנט 2 טער שטאק, נעמט אן פערשידענע בקשות פאר יודען אין אלע זאכען פרנסה און מיט געזונד.

חברה „כנסת צעירים“ בלודז



זונטאג פ׳ יתרו (ד. 16-טען פעברואר) קומט פאר אין קליינעם פילהארמאניע-זאל, אלגינסקא 3

א גראנדיעזע התחלת-הספר-תורה-פייערונג

מיט׳ן אנטייל פון חזן א. גאלדוואסער מיט א בעריהמטען כאר פון 30 פערזאן ביי דער בעטייליגונג פון ארקעסטער פון בעקאנטען מוזיקער

יענקעל טויבע

וועלכער וועט אויספיהרען די שענסטע מאזשיצער נגונים. אלע סימפאטיקער ווי אויך אלע, ביי וועמען ס׳איז טייער די מצוה פון דער התחלת-הספר-תורה פייערונג ווערען געבעטען צאהלרייך צו קומען.

הועד של חברת „כנסת צעירים“.

בעמערקונג: אין טאג פון דער פייערונג בילעטען צו בעקומען אין קאסע.

בעקאנטמאכונג.

אזוי ווי איך האב אויף פייגע גליקסמאן, לאקאטאר אין מיין הויז אויף קאנסטאנטינער 58, ארויסבעקומען אן עקסמיסיע, וואס זיי צאהלען נישט מיר קיין דירה-געלד שוין עטליכע יאהר דורכאנאנד און עס קומט מיר שוין דירה-געלד איבער 1000 זל. און ווילען נישט בעצאהלען און זיי זענען געגאנגען אין גמינע ארייין בעקלאגען זיך, אז איך וויל זיך מכלומרשט נוקם זיין און וויל זיי דורכאויס ארויסווארפען פון דער וואוינונג און דורך זיי האט די גמינע מיך בעשטייערט פאר׳ן יאהר 1928 29 5 מאל אזוי פיל דעם עטאט, וויפיל כ׳האב שטענדיג בעצאהלט. איך גיב זיי עפענטליך 8 טעג צייט, מיר צו רעגולירען דאס דירה-געלד, אין נעגענ-פאל נעהם איך אראפ פון מיר די גאנצע פעראנטווארטליכקייט פאר די ווייטערדיגע פאלגען. איך גיב זיי דאס רעכט אוועקצונעבען די וואוינונג, נאר מיר צו בעצאהלען דאס דירה-געלד, ווייל כ׳בין נישט אימשטאנד צו שענקען זיי דאס דירה-געלד, ווייל כ׳האב קיין אנדערע פרנסה נישט.

מיט אכטונג **נחום געלבארד**

הויזבעזיצער, קאנסטאנטינער 58.

פילהארמאניע־זאל
נארוטאוויטשא 20

קלו פון די פערוויילונגען פון
היי־יעהריגען קארנאוואל
גרויסע פרעסע־רעדוטע

דעם 3־טן
מערץ ד. י.

פון וואנען
נעהמט מען מזומן?
דער ענטפער איז א קלארער:
קויף א לאס אין דער אמת'ע בעריהמ־
טער גליקליכער קאלעקטור פון
E. LICHTENSTEIN i S-ka
ווארשא: קאלעקטור־צענטראלע מארשאלקאווסקא 146
לאדז: 1) פיעטריקאווער 72
2) פיעטרקאווער 11
שוין קורצליך הויבט זיך אן די ציהונג פון דער גרויסער 5 קלאס
הויפט־געווינס 750,000 זל.
אלגעמיינע געווינסען פון דער 5 קלאס — 28 מיליאן
יעדער צווייטער לאס געווינט!
בירגער! די פרעמיע 400,000 זל.
ביי דער לעצטער 5־טער קלאס
איז געפאלען ביי אונז!
די ג' שפילער אונזערע האבען זיר שוין אויסגעצאהלט
מיליאנען, מיליאנען זלאטעס.
פרייז פון א $1/4$ לאס 50 זל. — אריגינעלע לאסען שיקען מיר
ארויס תיכף נאכ'ן דערהאלטען דעם בעט אג
לעג נישט אפ—קויף ביי אונז א לאס וועסטו בעגליקט ווערען
דעם בעסטעלונג ב עבן מיר איינצאלן אויף אונזער קאנט א P.K.O. 64209
די פירמע עקזיסטירט פון 1835 יאהר.

צו דער פערלאבונג פון אונזער
ווערטען פריינד און קאלעגע
ה' יעקב טענצער
מיט פ"ל. מאניא סאבאשעווסקי
ווינשען מיר א הערצליכען מזל טוב, זאל
אייער לעבענס וועג מיט רויזען בעצירט
זיין דארא גאלדבערג, דוד
טשאפניק, דוד סובעצקי

אונזער ווערטען פריינד און קאלעגע
יאקוב טענצער
צו זיין פערלאבונג מיט פ"ל.
מאניא סאבאשעווסקי
ווינשען מיר פיל גליק און עווינפס צו־
פרידענהייט פאמיליע אלטמאן
יונה קרינקער און פרוי

מזל טוב אייך גוטשא און
שמאי ראבבערגער צום געבורט
פון אייער
זוהנדעלע
א גרינגע ערציהונג
יודל עדעלמאן, משה שווארצבערג

צו דער פערלאבונג פון אונזערע
פריינד פ"ל.
עדזשא גרינפעלד
מיט ה' מאניעק קופאס
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל־טוב,
זאל אייער לעבענס־וועג מיט בלומען
בעצירט זיין אייער פריינד
נחמיה לעלענאווסקי, מיכאל דוד
סאסנאווסקי, יהושע אבראנסקי

א הארציגען פאהר געזונד
ווינשען מיר אונזער ליבען קאלעגע
וואלף ראזענבערג און פרוי
צו זייער אבפאהרען נאך אמעריקא
און ווינשען זיי פיל גליק אין זייער נייער היים.
מ. קרעל, מ. ה. יאקובאוויטש, י. פרענקעל

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej
p. SALI WERDIGERÓWNY
z p. DAWIDEM ROSENEM
życzymy „pomyślności w życiu oraz harmonji dusz".
Hela, Jadzia i Sala Werdigerowie.

Z intencji zaręczyn koleżanki
p. EDZI GRYNFELDÓWNY
z kolegą
p. MOŃKIEM KUPASEM
życzymy Im wiele szczęścia i różowej przyszłości.
Moniek Lipski, Josek Altman.

א הערצליכען מזל־טוב
ווינשען מיר אונזער חשוב'ען פערוואלטונגס־מיטגליד
ישראל'קע טערנער און פרוי
צום געבורט פון זייער טעכטער'ל
זאל זי אייך האבען מיטגעבראכט פיל גליק און מיר ווינ־
שען אייך א גרינגע דערציהונג.
די פערוואלטונג פון צענטראלען ראד־
פערקעהר־פעראיין אין לאדז ווסכאדניא 43

געזעלש. „יודישע בינע" אין לאדז.
זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
מארגען, שבת, דעם 15־טען פעברואר ד. י. 10 א זייגער פריה
א גרויסע פאפולערע פארשטעלונג
מעפיסטא
פאעמע אין 3 אקטען פון אורי
צבי גרינבערג, כמעט בע־
ארבייט: י. ראזענבלאט.
איינלייטונגס־ווארט: ח' י. זעליקאוויטש.
רעזשי: י. ראזענבלאט. פלאסטיק: איזא הארארי. מוזיק־
אילוסטר. / דעקאר. און קאסטיומען: הענדלער, טשערכאווסקי.
מאסקעס און גרים: ל. יעלען. ליכט־עפעקט: מענדזשיצקי.
בילעטען פון 50 גר. ביז 1.50 זל. צו בעקומען הײנט א גאנצען טאג אין שיך־
געשעפט פון י. ראסבאנדער (זשוואדוקא 12), שבת בײ דער קאסע פון פילהארמאניע.

בעקאנטמאכונג
זונטאג, דעם 23 לוטי 1930 (כ"ה שבט א' פ' משפטים) 5 א זייגער
נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון **מחזיקי חולים** קילינסקי 120
א גענעראל־פערזאמלונג
מיט פאלגענדער טאג־ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהלען פון
א פרעזידיום און 2 אסעסארן, 2) טעטיגקייטס בעריכט, 3) בעריכט פון
די רעוויזיאנס קאמיסיע, 4) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1930 5) וואהלען פון
4 פערוואלטונגס מיטגליעדער און 2 אין די רעוויזיאנס־קאמיסיע, 6) ענדערן
די סטאטוטען, 7) פרייע פארשלאגען, צו וועלכע די מיטגלידער ווערען
געבעטען צאהלרייך צו קומען.
די פערוואלטונג
בעמערקונג: קין איינלאדונגען ווערען נישט ארויסגעשיקט. אינפאלס ביי א
נישט גענוגענדע צאהל מיטגלידער, קומט די גענעראל־פערזאמלונג פאר דעם 9 מערץ
1930 צום צווייטען טערמין דיזעלבע שעה ביי יעדע צאהל מיטגלידער.

דרינגענדע אויפפאדערונג
אלע מיטגלידער און נישט־מיטגלידער
פון יודישען פליישער־פעראיין, פיעטריק. 24
מוזען אינבעדינגט קומען זונטאג 5 נאכמ. אין פעראיינס־לאקאל צו א זעהר
וויכטיגער און דרינגענדער
פערזאמלונג
אויף וועלכער ס'וועט קאנפערירען דער סטארשי פון פוילישען פליישער־צעך
ה' דזשעני ראקאווסקי וועגען צעך און געשעפטס־אנגעלעגענהייטען.
די אנוועזענהייט פון אלע מיטגלידער איז אונבעדינגט נויטיג.
די פערוואלטונג פון יוד. פליישער פעראיין פיעטריק 24.

צענטראלער יודישער האנדווערקער - פערבאנד
אין לאדז און אומגעגענד, פאלודניאווא 4.
זונטאג, דעם 23 טען ד. ח. פינקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר
אין אונזער לאקאל, פאלודניאווא 4
די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג
מיט פאלגענדער טאג־ארדנונג:
1) ערעפנונג און וואהלען פון א פרעזידיום, אסעסארן און סעקרעטאר, 2)
לעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלג. פערז, 3) בעריכטען פון דער פערוואלטונג
און רעוויזיאנס־קאמיסיע, 4 וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוו.־קאמיסיע, 5) בע־
שטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1930, 6) פרייע פארשלאגען
בעמערקונג: צו דער פערזאמלונג זענען סטאטוטענמעסיג געוואר'ן איינלא־
דונגען. ווער עס וועט נישט בעקומען די איינלאדונג, דארף זיך ווענדען אין קאנצע־
לאריע פון פערבאנד שפעטסטענס ביז דאנערשטאג, דעם 20 ד. ח.
0809 די פערוואלטונג.

דער בעוווסטער ערשטקלאסיגער
פענסיאנאט עלבינגער לאסק
מאכט בעקאנט, אז אויפ'ן וואונש פון פיל געסט האב איך ערעפענט מיין
פענסיאנאט אויף ווינטער
די צימערן זענען גוט געהייצט / ערשטקלאסיגע בעהאנדלונג / שמאקהאפטע קיך
איך גאראנטיר די געסט פאר גוט פערברענגען די צייט אין מיין פענסיאנאט.
בעמערקונג: מיינע ג' געסט, וועלכע האבען דעם פאריגען זומער
געדונגען ביי מיר וואוינונגען מיט מיכאגען און ווילען דינגען אויך דעם
זומער בעט איך פריהצייטיג מיר צו וויסען געבען.
אויף פסח בעט איך איינשרייבען זיך שפעטסטענס 7 טאג פאר יום טוב
נעהערעס ערפאהרען אין לאדז, קאמיענא 1 ביי ה' עפשטיין אדער טעל. 107-87.

האנטווערקער־פאריין אין דער פוילישער רעפובליק
אפטיילונג אין לאדזש, אגראדאווע 9.
מארגען, שבת, דעם 15־טען פעברואר ד. י., פינקטליך 9 אווענט
קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אגראדאווע 9
דער 1־טער פייערלעכער ארויסטריט פון דראמאטישען קרייז
ביים האנטווערקער־פאריין.
אין פראגראם: 1) דערעפנונג, 2) באגריסונגען, 3) איינאקטערס
אויפגעפירט דורך דעם דראמאטישן קרייז
בילעטן ביי דער קאסע.
5101 די פארוואלטונג.

פערלאנג פון "קולטור־ליגע", ווארשא.
ב. שעפנער (בית־שין)
רינקס
אינהאלט: 1) וועלט, מענשען
און הערשער, אויך 2) יו־
דישקייט, 3) שרייבער, 4)
הומארעסקעס, 5) סצענעס.
15 דרוק־בויגען פרייז 5.25
Spółdzielnia Wyd. „Kultur-Liga"
Warszawa, Leszno 40. P.K.O. 24–28

Nur 1mal
im Jahre ist bei
Julius Rosner
Ausverkauf. Die
Preise sind, um
Platz zu schaffen,
enorm billig!

שייטלען
צו טעסיגע פרייזען צו בעקומען ביי
פארזשוצקא, קאמיענא 5

שפארט געלד!
די גוט בעקאנטע און לאנג
עקזיסטירענדע פראצאוי־
ניע פון קראוואטען און
בינדעס, עמפפעהלט א
רייכען אויסוואהל פון
פערשידענע בינדעס קרא־
וואטען, אין שלייפען.
הערשקאוויטש,
וואלבארסקא 31

מיר זוכען
פעהיגע פערטרעטער צו
א ראטען־פערקויף פון
פרעמיענבקעס. זיכערע עק־
זיסטענץ.
Gospodarczy Zakład
Kredytowy Lwów,
Wałowa 11a
אינקאסא פון וועקסעל־
בעטראגען

פערלאנגט נור די ווערש
מיט אונזער פאבריקס־צייכן

דער האלב־שטייפער
KELLOG
קראגען

B. L.

דער שטייפער
HUDSON
קראגען

עלאסטיש! דויערהאפט! עלעגאנט!

מאטעריאלען פון מארשאל פילסודסקי

וועגען די געשעהענישען פון 31 אקטאבער אין סיים

אויספארשונגס-קאמיסיע בעשליסט נישט צו פערעפענטליכען

דעם פולען טעקסט פון מארשאל פילסודסקי'ס בעריכט

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די סענסאציע פון היינטיגען טאג איז געווען די זיצונג פון דער קאמיסיע אויסצופארשען די געשעהענישען אין סיים דעם 31. אקטאבער.

ווי בעוואוסט האט מארשאל פילסודסקי צוגעשיקט דעם פרעמיער א בעריכט וועגען די געשעהענישען און אויף דער זיצונג האט דער ראוויגער בעריכט געהאלטן בעטראכט ווערען.

דער פארזיצער פון דער קאמיסיע דעפוטאט טשעטווערטינסקי האט ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס אין בעריכט זיינען פערהאן בעליידיגענדע אויסדריקען אויפן אדרעס פון סיים-מארשאלעק דאשינסקי און פון סיים, זאל דער רעפערענט דעפ. ליבערמאן בעקענען די מיטגלידער פון דער קאמיסיע מיטן אינהאלט פון בעריכט.

דעפ. סלאוועק פאדערט דערויף מען זאל פארלעזען דעם פולען טעקסט פון דעם בעריכט און די קאמיסיע זאל בעטען דעם מארשאל פילסודסקי ער זאל געבען ערקלערונגען אלס עדות, וועגען די געשעהענישען.

דעפ. ליבערמאן איז נעגען דעם פארשלאג פון דעפ. סלאוועק און זאגט, אז האט אויסהערען דעם מארשאל פילסודסקי אלס עדות, איז נאך פריהצייטיג, מען דארף אויסהערען די וואך פון סיים-מארשאלעק אונטער א שבועה.

דעפ. סלאוועק — זאגט ער ווייטער, — וויל מען זאל פארלעזען דעם פולען טעקסט פון בעריכט, וויל ער איז אויסגען צו פערשפרייטען איבעראל נאכצען לאנד די בעליידיגונגען, וואס געפינען זיך אין בעריכט.

נאך א קלענערע דיסקוסיע ווערט ערקלערט א הפסקה בעת וועלכע די מיטגלידער בעקענען זיך מיטן גענויען אינהאלט פון בעריכט.

נאך די הפסקה ערקלערט דעפ. פאראסקי (ב.ב.) אז די ב.ב.-דעפוטאטען האלטען דעם מארשאל פילסודסקי פאר א גרויסער היסטארישער פערזענליכקייט און קיין שום צענזאר איז נישט דערלאזבאר זאל צענזורירען זיינע ווערטער.

ווייטער זאגט ער, אז מען לאזט נישט פארלעזען דעם פולען טעקסט פון בעריכט דערפאר, וויל מארשאל פילסודסקי רופט דארט דעם סיים-מארשאלעק, משוגענער און ליגנער. דאס פארלעזען דעם פולען טעקסט איז וויכטיג פאר דער וואך, זאל מען כאטש דאס לעזען אויף א געהיימער זיצונג.

דער פארזיצער פראטעסטירט געגען דעם, וואס דעפ. פאראסקי האט איבערגעחזרט די בעליידיגענדע ווערטער, וואס געפונען זיך אין בעריכט, און ער בעטראכט דאס פאר א אונצוטרוי צום פארזיצער דעריבער רעזיגנירט ער פון אמט אלס פארזיצער.

די דעפוטאטען ליבערמאן און פאראסקי ערקלערען אז די מעהרהייט האט יא צוטרוי צום פארזיצער.

דעפ. ליבערמאן זאגט, אז דער סיים-מארשאלעק דאשינסקי איז א הויכע פערזענליכקייט און איהם קאן נישט שאדען די בעליידיגונגען.

דער פארזיצער ציהט צוריק זיין רעזיגנאציע און ווייזט אן, אז דאס פערעפענטליכען דעם גענויען טעקסט פון בעריכט קאן שאדען בריינגען דער מלוכה אויב די ב.ב. וועלען זיך קאטעגאריש האלטען ביי זייער פארלאנג וועט ער אויפהערען רעזיגנירען.

דער פארשלאג פון ב.ב. ווערט נאך אנאפשטימונג אפגעווארפען מיט 5 שטימען געגען 3.

דעפ. סלאוועק ערקלערט דאן, אז די ב.ב.-מיטגלידער וועלען זיך נישט בעטייליגען אין די ארבייט פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע.

מען האט געגעבן הבטחות

ווארשא 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). מען גיט איבער, אז פאר דער מיטוואכדיגער זיצונג האבען רעגירונגס פארשטעהער אונטערהאנדעלט מיט עטליכע יודישע דעפוטאטען צו ווירקען, אז די יודישע קאלא זאל זיך אפהאלטען פון שטימען געגען בודזשעט, אויב זי וויל נישט שטימען פאר'ן בודזשעט. די רעגירונגס-פארשטעהער האבען געגעבען א רייה הבטחות לטובת יודען, אין דער ערשטער רייה, אפשאפען די צארישע בעגרענצונגען.

נאך דער דימיסיע פון דעפ. גרינבוים

ווער וועט פרעזעס פון קאלא?

ווארשא, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט דער דימיסיע פון דעפ. גרינבוים אלס פרעזעס פון קאלא, נימט מען איבער, אז עס נישט פערהאן אין די קאלא-קרייזען קיין שום טענדענץ צו בעטען דעם דעפ. גרינבוים ער זאל בלייבען קאלא-פרעזעס.

שאנסען צו ווערען פרעזעס האט דעפוטאט פארבשטיין.

די גאליציאנער דעפוטאטען פארלאנגען מען זאל וועהלען בלויז א פרעזידיום.

לויט אנ'אנדערער ווערסיע האט שאנסען צו ווערען פרעזעס פון קאלא, דעפ. הארטגלאס אין דעפ. שרייבער, אדער דעפ. ראזמארין זאל ווערען וויצע-פרעזעס?

יודישע לאנד-ארבייטער קיין פראנקרייך

לאדזער „יעאס" ארגאניזירט א קורס פון לאנדארבייט און נעמט אונטער א רעגיסטראציע פון עמיגראנטען

ווארשא, 13. (טעלעפאניש דורך יט"א) די „יעאס"-געזעלשאפט אין ווארשא האט בעקומען פון דער צענטראלע אין פאריז א רייה ארבייטס-קאנטראקטען, אויפ'ן גרונד פון וועלכע ס'וועלען בעקומען פראנצויזישע וויזעס יודישע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער, וואס ווילען אויספאהרען קיין פראנקרייך.

„יעאס" נעהמט איצט אן, אנ'אקציע צו רעגיסטרירען יודישע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער וואס ווילען פאהרען קיין פראנקרייך. די רעגיסטראציע וועט דויערען ביזן 9. מערץ.

די לאדזער אפטיילונג (פון דער יודישער צענטראלער עמיגראציע-געזעלשאפט „יעאס" אין פוילען, מיט דער מיטהילף פון „היאס-דיק"-א-עמיגדירעקט", ערקלערט א רעגיסטראציע פון עמיגראנטען, וועלכע ווילען זיך אויסלערנען אין פוילען לאנדארבייט, כדי צו פערנעמען זיך מיט דעם פאך אין דעם נייעם לאנד, וואוהין זיי רעכענען צו עמיגרירען.

דער קורס פון לאנדווירטשאפטליכער ארבייט וועט דויערן פון אפריל ביז אקטאבער. אין דער צייט פון קורס פערדינען די ארבייטער צום לעבען פון דער ארבייט.

עס ווערען אנגענומען קאנדידאטען פון 19 יאהר אן ביז 35.

די רעגיסטראציע וועט דויערען פון 16-טען פעברואר ביז דעם 9-טען מערץ.

קאנדידאטען קענען זיך ווענדען צו דער לאדזער אפטיילונג פון דער יודישער עמיגראציע-געזעלשאפט, פיעטרקאווער 10, פון 1—2 פארמיטאג.

קלאגען וועגען א נייע רעקאנסטרוקציע פון דער רעגירונג

א נייער סענסאציאנעלער ארטיקעל פון מארשאל פילסודסקי

ווארשא, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין די סיים-קולוארען האט מען היינט געשמועסט אז דער אריסטאקראט פון ב. ב. אויף דער זיצונג פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע איז בלויז א אנהויב.

נאכ'ן פערענדיגען דעם בודזשעט זאל פאר־קומען א בעדייטענדע רעקאנסטרוקציע פון קאבינעט, אויף א שארפערען קורס.

מען האט אויך געשמועסט, אז מארשאל פילסודסקי זאל די טאג פערעפענטליכען א נייעם סענסאציאנעלען ארטיקעל.

אונטערגעצונדען יודישע הייזער

טשערנאוויץ, 13 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) אין דארף באלאטפקא, בוקאווינא זענען לעצטענס אונטערגעצונדען געווארען פיל יודישע הייזער. די שרפות זענען א פועל יוצא פון דער לעצטער קוזיסטישער אנטיסעמיטישער הסתה, דער סאלטיס פון דארף האט אנגעוויזען ווער ס'זענען די אונטערצינדער, דערפאר האט ער בעקומען דראהונגס בריף, אז ער וועט דערמארדעט ווערען.

די יודען פון דארף האבען זיך געווענדעט נאך הילף צו דער טשערנאוויצער יודישער קהלה.

ציוניסטישע בעראטונגען אין בערלין

בערלין, 13. (יט"א טעלעפאניש) נעכטען האט פראפ. חיים ווייצמאן געפיהרט לענגערע שמועסען מיט די אנפיהרער פון די ציוניסטישע גרופירונגען, דערונטער מיט דעפ. גרינבוים, דעפ. פארבשטיין, ד"ר נאלדמאן און ליכטהיים.

קיין קאנקרעטעס איז נאך פון די שמועסען נישט ארויס.

א גרויסע הילפס-אקציע

ווארשא, 13. (טעלעפאניש דורך יט"א) די געזעלשאפטען „ארט", יתומים-פערבאנד, „יעאס" און „טאז" זענען געקומען צו א הסכם וועגען א געמיינזאמע הילפס-אקציע. די אקציע איז קודם-כל גענוג דעם פערטיילען די סובסידיעס פון די קאמונאלע אינסטיטוציעס און רעגירונג, די אקציע וועט געפיהרט ווערען אונטער דער לאזונג: „אויפבוי — זעלבסטהילף", אין דער נאהענטסטער צייט וועט פארקומען א קאנפערענץ פון אלע 4 געזעלשאפטען.

אפגעשאפט די צארישע בעגרענצונגען

ווארשא, 13 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער קאנסטיטוציע-קאמיסיע איז אנגענומען געווארען אין דער דריטער לעזונג דאס געזעץ, וואס שאפט אפ די צארישע בעגרענצונגען בנוגע יודען.

לעצטע טעלעגראפישע ידיעות פון ירושלים

די שומרים פון בית אלפה האבען פערטריבען א באנדע אראבער, וועלכע האבען געפרובט צו מאכען אנ'אנפאל.

— די אראבישע דעלעגאציע פאהרט אין סוף חודש קיין לאנדאן.

— דאס געריכט האט בעפרייט 4 יודען, וועלכע זענען פאלש בעשולדיגט געווארען אין ערמארדען אראבער.

מען זאל תפילה-טון

פאר א צום טויט פערמשפט'ען

ראוונא, 13. (טעלעפאניש דורך יט"א) די עלטערען פון דעם צום טויט-פערמשפטען יודישען פאליציאנט אין תל-אביב, הינקעס האבען פונאנדערגעשיקט בריף צו אלע רבנים און רביים אין פוילען, אז זיי זאלען בעטען פאר זייער זוהן.

געפלאצט א איינשטיין-וואלד

ירושלים, 13. (טעלעגראפיש דורך יט"א) היינט המשה-עשר איז אין דער קאלאניע דילך פארבעקומען די פייערליכע פלאנצונג פון איינשטיין וואלד. ס'זענען אנגעקומען פיל בעגריסונגען דער רונטער פון פראפ. ווייצמאן, רייטשע ציוניסטען, רייטשען קרן-קימת-קאמיטעט, אסקאר וואסערמאן א. אנדערע.

ביי מאגען, דארם און שמאף-וועקסעל-ליידען

פיהרט דער געברויך פון נאטירליכען ביטער-וואסער FRANCISZKA JÓZEFA די פערדויאונגס-ארגאנען צו א רעגעלמעסיגער טעטיגקייט צוריק און פערלייכטערט אזוי, אז די נאהרונגס-שטאפען פליסען אריין אין בלוט. ערצטליכע פאך-אורטיילען בעווייזען, אז דאס ביטער-וואסער Franciszka Józefa איז זעהר נוצליך ביי מענשען וועלכע האבען צו וועניג בעוועגונג. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד אפטעקענעס.

ו-טער קלאנג-פילם-טעאטער אין לאדז „SPLENDID" נארוטאוויטשא 20

די גרעסטע רעווי פון דער וועלט!

אויסגעסוכט פון די בעסטענסטע רעוויא ארטיסטען פון בראדוויי.

היינט און פאלגענדע טעג!!!

FOX FOLLIES

„ניו-יארק ביינאכט"

100% געזאנג, טענץ און געשפרעך.

אויסער די גרעסטע רעווי-קינסטלער נעמען אנטייל:

36 „Show-Girls" 36 „Dancing-Girls" 36 „Dancing-Boys"

24 פערזאן נעגער-אנסאמבל 12 פערזאן רעוועלערס-כאר

אין פראגראם די גרעסטע קלו'ס פון סעזאן.

אנהויב פון די סעאנסען: 4, 6, 8 און 10 אוונט.

פרייזען פון די פלעצער ביז 6.15 — 1, 2 און 3 זל.

מיר דעמאנסטרירן אויף די אפאראטען Western Electric Company

געזעץ וועגן אפשאפען די צארישע באגרענצונגען

אנגענומען אין דער 3-טער לעזונג דורך דער קאנסטיטוציע-קאמיסיע

וו א ר ש א, 13. (טעלעפאניש פון אונזער סיים־קארעספאנדענט). די קאנסטיטוציע־קאמיסיע האט היינט אין דער דריטער לעזונג אנגענומען דעם געזעץ־פראיעקט וועלכער שאפט אפ אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע באגרענצונגען וועלכע זענען געבליבען פון די צארישע צייטען.

ריזיגע שרפות פון שיפען

נ י ו - י א ר ק, 13. (אטע) אין ניו־יארקער פארט איז אויסגעבראכען א ריזען־שרפה אויף דער גרויסער שיף פון נארדדייטשען לאיד „מינכען". די שרפה, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט פיל אויפרייסען האט געדויערט 48 שעה. די גאנצע שיף איז פערברענט געווארען. דער שאדען בעטרעפט צעהן מיליאן מארק.

ט א ק י א, 13. (אטע). אין פארט יאקאהאמא איז אויף יאפאנישען האמפער טרעאוראמארו אויסגעבראכען א גרויסע שרפה, 4 זעגלער זענען אומגעקומען אין די פלאמען. 12 פערזאן זענען שווער פערוואונדעט געווארען. די סיבה פון דער שרפה איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

די געהיימניש מיט גענעראל קוטיעפּאוו

האלט ביי אויפגעקלערט ווערען

פ א ר י ז, 13. (אטע). אין די פאריזער געריכטס־קרייזען איז מען זעהר אפטימיסטיש וועגען די אויסזיכטען אויפצוקלעהרען די געהיימנישפולע אפערע מיט'ן פערשוואונדען פון גענעראל קוטיעפאוו. דער אויספארשונגס־ריכטער, וועלכער פיהרט דעם פראצעס האט ערקלעהרט די פארשטעהער פון דער פרעסע, אז אין פערלויף פון די נאָהענטסטע 48 שעה ערווארט מען דאס לעזען פון דער רעטעניש. די פאליציי האט שוין גענויע פעסטשטעלונגען וועגען דער סאיז געווען דער פאלשער פאליציי־אגענט, וועלכער האט געהאלטען דעם פאקט אין הויז פון גענעראל.

פ א ר י ז, 13. (אטע). דער ענין גענעראל קו־טיעפּאוו האט זיך געהיהרט פון טויטע פונקט, אייגער פון די העכערע פאליציי־בעאמטע האט געכטען פערהערט א נייעם עדות וועמענס ערקלעהרונגען קענען ברענגען אויפצוקלעהרען דעם ענין. א רוסישער שאפער פון בריסעל האט טעלעגראפיש מיטגעטיילט, אז אין איינעם פון די בריסעלער גאַזעטן ווערט איצט רעפערירט אן אויטא, וואס איז שטאַרק ענליך צום אויטא, מיט וועלכען מ'האט אַוועקגעפיהרט דעם גענעראל קוטיעפאוו, די אינהאבער פון אויטא פערלאנגט בריסעל האַרשטאג, די פאריזער פאליציי האט זיך גלייך גענומען אויסצופארשען דעם ענין.

סענסאציאנעלער ארעסט פון א פרוי

וואס האט דורכגעפיהרט פערבאטענע „אפעראציעס" ביי מעוברת'ע פרויען

ל ע מ ב ע ר ג. דער לעמבערגער אויספארשונגס אמט האט בעקומען א פערטרויליכע מעלדונג, אז אין איינעם פון די הייזער אויף ריצערסקא־גאס געפינט זיך עפעס א פרוי, וועלכע פערנעהמט זיך מיט אפטרייבען ביי כל'ערליי פרויען דעם ילד.

די פאליציי האט תיכף דורכגעפיהרט אן אויספארשונג און האט פעסטגעשטעלט אט וואס:

אין הויז נומער 37 אויף ריצערסקא־גאס וואוינט א געוויסע כאַיאַ פאליכאזסקא, אט אין איהר וואוינונג קומען אפט פרויען, וואס זענען מעוברת און זי טרייבט זיי אפ דאס ילד.

אין דער ווייטערדיגער אויספארשונג האט זיך א געוויזען, אז אין דער לעצטער צייט זענען ביי איהר געווען בערך 9 פרויען, דערונטער 4 יודישע, ביי וועלכע זי האט אפגעטריבען דעם ילד.

דער רוב פון די דערמאהנטע פרויען האבען זיך געקרענקט. פאר די דאקטוירים וואס האבען בעהאנדעלט די קראנקע פרויען, האבען די לעצטע ערקלערט, מוהאהאבענדיג אויסצוזאגען דעם אמת אז זיי האבען די פערבאטענע אפעראציע דורכגעפיהרט אין איינעם פון די היגע שפיטאלען.

נאטירליך האבען די דאקטוירים דערין נישט געגלויבט, טייל פון זיי האבען געשוויגען, אנדערע האבען ערקלערט פאַקטען געמעלדעט דער פאליציי, וועלכע האט אונטערגענומען אן ענערגישע אויספארשונג אבער אהן רעזולטאט. ווייל אין קיין שום לעמבערגער שפיטאל האט מען אזעלכע אפעראציעס נישט דורכגעפיהרט.

מיט א צייט צוריק, אבער, דריי טאג נאכדעם, ווי פרוי פאלוכאזסקא האט ביי איהר דורכגעפיהרט אזא אפעראציע, איז א פרוי מיט'ן נאמען גאלדבערסקא שווער קראנק געווארען. מע האט זי אין א מבוכהנעם צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו זי האט זיך אין אלעמען מודה געווען און האט דערצעהלט וואס איהר ילד האט אפגעטריבען פרוי פאלוכאווסקא.

א פאר שעה שפעטער איז די אומגליקליכע פרוי געשטארבען.

די פאליציי האט אין שייכות דערמיט באלד ארעסטירט די פרוי פאלוכאווסקא און זי געשטעלט איין רשות פון אויספארשונגס־ריכטער, וועלכער פיהרט די ווייטערדיגע אויספארשונג.

מענדעל בייליס בעט זיך מען זאל איהם העלפען

אין ניו יארקער „מארגען זשורנאל" לייענען מיר:

שטארק געריהרט פון דעם מיטגעפיהל פון זיינע וועניגע גוטע פריינד, וועלכע האבען זיך אפגערופען מיט איניגע דאלאר צו העלפען מענדעל בייליס, בעט איצט דער קראנקער מארטירער צו מעלדען אלע, אז ער פערלאנגט נישט קיין צדקה, און זוכט נישט קיין נדבות, נאר ער וויל בעקומען הילף אויף א בכבודען אופן, אין וועג, וויזט ער אן, איז, אז יעדער, וואס ווייס די מארטירער־געשיכטע, און ספעציעל די לייען, וואס ער מענדעל בייליס האט געהאט אויסצושטעהן, זאל ביי איהם קויפען זיין בוך, אין וועלכען עס איז בעשריבען די גאנצע „געשיכטע מענדעל בייליס". א צווייטער וועג וואלט געווען, דערקלערט ער, צו געפינען פאר איהם עפעס א לייכטע ארבייט אין וועלכער עס איז יודישער אינסטיטוציע.

„איך ווייס, שרייבט בייליס, אז די אלע וואס האבען זיך אפגערופען און געשיקט געלד, מיינען עס גוט, זיי ווילען מיר העלפען אין מיין נויט, און איך שאץ זעהר אפ זייער סימפאטיע און זייער גוטען ווילען, אבער נישט קיין צדקה וויל איך פון יודען, נאר א פראקטישע הילף, עס טוט מיר וועה מיין הארץ בלוטיגט ביים געדאנק אז איך בין חו"ש געקומען צו בעטעל־ברויט, איך האב מיין פאמיליע שטענדיג מפרנס געווען פון אייגענער ארבייט און וואלט עס וועלען אויך איצט טון.

„די יודען, וואס פיהלען מיר מיט, שרייבט ער ווייטער, און ווילען און קענען מיר העלפען, וואלט איך געבעטען דורך אייער ווערטער צייטונג צו קויפען מיין בוך, וואס וועט זיי בעקענען מיט דער געשיכטע פון מיין פראצעס, און די ליידען וואס איך בין אויסגעשטאנען און וועלכע שלעפען זיך נאך ביז איצט. די אלע וועלכע האבען מיר געשיקט געלד וועל איך צושיקען מיין בוך, ווייל איך וויל נישט קיין נדבות.

אט דאס איז דער בריף פון מענדעל בייליס דער „מארגען זשורנאל" גיט אויף זיין אדרעס: 107 על אט פלייס, בראנקס נ. י.

אויטאבוס פאהרט אריין אין א שויפענסטער

און פערוואונדעט 14 פערזאן

ב ע ר ל י ן, 13. (אטע). רינסטאג אויף דער יאכט איז אן אויטאבוס אריף אויפ'ן טראטואר אויף דער הייסבורגער־גאס און מיט דער גאנצער קראפט אריין אין שויפענסטער פון א מאנטעקאל. 14 פערזאן זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

א קליינע מדינה, וואס שפּילט א גרויסע ראלע

צום וויזיט פון עסטאנישען מלוכה־פרעזידענט אין פוילען

ווארשא האט אויפגענומען מיט גרויס פאר־ראד דעם מלוכה־שעף פון עסטלאנד. עסטלאנד איז א קליינע מלוכה, זי איז אפשר די קלענסטע פון די אלע מלוכות, וואס זענען געשאפען געווארען נאכ'ן קריג. א בעפעלקערונג האט זי קוים א מיליאן, אין ווירטשאפטליכער בעציהונג האט זי א גאנץ קליינע בעדייטונג. נישט זי האט, וואס צו פערקויפען, נישט זי ברויכט א סך צו קויפען. דערפאר האט זי א גרויסע פאליטיש־סטראטעגישע בעדייטונג. די מדינה ליגט ביים באלטישען ים, איהר הויפט־שטעט רעוועל, (היינט הייסט זי טאלין) ליגט דארט ביים ים, איז אן אלטער פארט און ליגט אין נאהענטע שכנות מיט קראנשטאט און די גאנצע מדינה ליגט אין רוקען פון פעטערבורג. זי גרעניצט זיך מיט די סאוויעטען אינמיטען פון דער לאַנגער ראַזערע און פון איהר דערלאנגט מען מיט דער האנד קיין נאוואגראד.

מען פערשטעהט דערום פאר וואס די מדינה עסטלאנד שפּילט א גרויסע ראָל אין דער פאליטיק. זי שטעהט די ערשטע אויפ'ן פייער אין פאל ווען די סאוויעטען וועלען וועלען אנגרייפען. זי איז אויך די ערשטע פון וועלכער מען קען אנגרייפען די סאוויעטען און זיי טרעפען אין הארץ. בעת דער דייטש איז געגאנגען אויף רוסלאנד, האט ער געמוזט בענוצען דעם אלטען נאפאלעאנס שליאך. ער איז נישט געגאנגען איבער מינסק און איז נעבליבען שטעקען אין די פאלעסער זומפען. בעסער האט די לאגע אפגעשאצט דער גענעראל פאן דער גאלץ און בערמאנט, וועלכע האבען אויף אייגענער פויסט זיך אריינגעריסען אין דער באלטישער געגענד, און האבען געוואלט, ווי זיי פערזיכערען, געהן אויף פעטערבורג און מאסקווע נישט רעכענענדיג זיך מיט'ן בריסקער שלום. וועלכער איז פאר זיי, אלס אנפיהרער פון פרייוויליגע נישט געווען פערפליכטענד.

אויף דעמאלט האט די ארטיגע בעפעלקערונג געשטעלט א ווידערשטאנד און פאן דער גאלצ'ס „אייזערנע דיוויזיע" איז טאקע פון די עסטען געווארען געשלאגען. איז אבער קלאר געווארען אז דארט אין עקסטען ווינקעל פון באלטישען ים, וואו עס ענדיגט זיך איירארא, ליגט דער ברעך־פונקט פון דער קינפטיגער ענטשיידונג מיט די סאוויעטען.

ביידע צדדים ווייסען עס און דערפאר שארפען די סאוויעטען די ציהן אויף דער קליינער מדינה מיט א פאר יאהר צוריק האבען זיי שוין אפילו געפרובט עס צו פערכאפּען. מיט אייגענע כוחות איז שווער די מלוכה זאל קענען ביישטעהן געגען דעם געוואלדיגען דרוק אין רוקען, עסטאניע, אזוי גוט ווי די אנדערע מדינות ביים באלטישען ים, מוזען זוכען אנשפארונג און עס מוז קומען צו א פעראייניגונג פון די מלוכות מיט א גרעסערע צענטראלע אין דער שפּיץ.

דער נאטירליכער וועג, וועלכען די געשיכטע און די געאגראפישע לאגע פון די לענדער דיקטירען איז, דאס די באלטישע מלוכות זאלען זיך גרופּירען ארום פוילען, וועלכע איז א געוויסען זין אויך א באלטישע מלוכה און וואס האט די זעלבע באלטיש־סטראטעגישע אינטערעסען וואס זיי, און עס וואלט שוין לאנג געקומען צו אזא בונד, ווען נישט ליטא, וועלכע האט נאך אלץ טענות צו פוילען און שטערט יעדע פאליטישע דערנעהנטערונג.

דאס קליינע עסטלאנד האט דערום געפרובט זוכען אן אנשפארונג אין די סקאנדינאווישע לענדער זי האט געזוכט די פריינדשאפט פון שוועדען און עס האט אויסגעזעהען אז די פאליטיק פון די באלטישע לענדער וועט געהן אויף דעם וועג וואס עסטלאנד וויזט. מיט'ן קומען פון עסטלענדישען ראש פון דער מלוכה קיין פוילען, הייסט עס, אז עס קומט פאר אן ענדערונג אין דער אריענטאציע און מען ווענדעט צוריק דעם בליק קיין ווארשא. צום נאטירליכען שווערפונקט פון דער איירא־פּעאישער פאליטיק אין מזרח. אט דערפאר האט דאס קומען פון דר. שטראנדמאן קיין פוילען אזא גרויסע בעדייטונג.

דאס קליינע לעטלאנד האט אבער אויך א בעדייטונג פאר אלע יודען. עס איז די ערשטע און דערווייל איינציגע מדינה אין איירא־פּא וואו יודען האבען א נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע, וואו עס איז פערווירקליכט געווארען די נאציאנאליטעטען־פראגע. אין דער מדינה וואוינען כך הכל עטליכע טויזענד יודען. כדי צו בעקומען אויטאנאמיע איז נויטיג דאס וועניגסטענס דריי טויזענד מענשען זאלען זיך ערקלעהרען אלס צוגעהעריג צו דער נאציע. יודען וואלטען אפשר מוחל געווען אויף דער אויטאנאמיע, ווי האבען אבער קיין ברירה נישט געהאט. לויט'ן געזעץ מאַ־ מען אין עסטלאנד נישט נעהמען קיין געלד אויף רעליגיעזע צוועקען. קיין רעליגיעזע קהלה האט דארט דערום נישט געקענט זיין און יודען האבען געמוזט מסכים זיין אויף דער אויטאנאמיע, אין וועלכער עס האבען זיך פערשריבען קוים דריי טויזענד נפשות. עסטלאנד איז דערום אויך אין דער בעציהונג אן אויסנאהם. זי איז א מין מוסטער מלוכה און שוין צוליב דעם פערדינט זי אויף א זעלבסשטענדיגע עקזיסטענץ.

ש. י. ־.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.
2 פאפולערע פארשטעלונגען פון 1 ביז 2.50
פרייטאג, ד. 14-טען, 9 אווענד צום 1. מאל אין דעם סעזאן
די אינטערעסאנטע פיעסע פול מיט קאמישע סצענען
די געצוואונגענע חתונה
אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון מ. שאר.
עס ווערען געזונגען נייע קופּלעטען, דועטען, קווארטעטען.
שבת, דעם 15-טען, זונטאג, דעם 16-טען, ווערט נישט געשפּילט.
מאנטאג, דעם 17-טען פעברואר, 9 אווענד די בעליבטע פיעסע אין לאדז
אויפ'ן אלגעמ. פערלאנג
די שחיטה
— אין 4 אקטען — פון יעקב גארדין, רעזשי י. ראקאוו.
מ'נעהמט אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאן, מאכראווסקא, נצרה, פאדערמאן. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכראווסקי, נייהויז, פאלאנסקי, ראקאוו.
אדמיניסטראטאר: מ. ארנוואלד. מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן.
בעמערקונג: פארשטעלונגען פאר וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס ווערען פערקויפט פאר צוגענגליכע פרייז. זיך צו ווענדען אין קאנצעלאריע יעדען טאג פון 11—2 נאכמ.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87
ספעציעל ארצט פאר הויט- און וענערישע קראנקהייטען. מענער - שוועכע, אלע ארט אנאליזען. בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
נעמט אן פון 8-2 נ.מ. און פון 5-9 אוו.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
פעטריקאווער 10, טעל. 131-86
נעמט אן און $8-9\frac{1}{2}$ פריה און פון $3-4\frac{1}{2}$ נאכמ.

צאהן-ארצט
St. Gelberg
וואוינט יעצט
Zawadzka 14, tel. 108-33
נעהמט אן פון 10-2 און פון 4-7.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירן, בלאז און הארן-קראנקהייטען
8 NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אן פון 4-7 אווענד.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און מענער-שוועכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל)
נעמט אן פון 8-10 און פון 5-8 אווענד

די עקספּאָזע פון לאָדזשער שטאָט-פּרעזידענט

די עקספּאָזע פון שטאָט-פּרעזידענט ושעמיענסקי, וועלכער ער האָט געהאַלטען ביים אנהויב פון דער בודזשעט-דעבאַטע איז נישט נאָר געווען אַ בעריכט וועגען דער אַרבייט פון מאַגיסטראַט און פערגאַנגענעם יאָהר אָדער וועגען די פּלענער אויף להבא — דאָס איז אויך געווען אַ שטיקעל חשבון הנפש פון סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט פאַר די גאַנצע צייט פון זיין אַרבייט, ווייל די קאַדענץ ענדיגט זיך שוין און נאָך היינטיגעס יאָהר וועלען פאָרקומען נייע וואַהלען צום שטאָט-ראַט.

כאָטש אמת, אַז דער איצטיגער מאַגיסטראַט האָט אָנגעהויבען זיין אַרבייט אין אַ גרויסען פערנעם. דער סאָציאַליסטישער מאַגיסטראַט האָט געוואָלט בעווייזען דעם אונטערשיד פון זעלבסטפערוואַלטונגס-אַרבייט אין פערהעלטעניש צו דעם פריהערדיגען נ.פּ.ר.-יש-ענדעקישען מאַגיסטראַט. ביים בעשטימען די גרויסצוגיגע פּלענער, האָט אָבער דער מאַגיסטראַט געהאַט אַ קליינעם טעות אין חשבון. ער האָט פערגעסען וועגען דער ירושה, וואָס די שטאָט לאָדז האָט בעקומען נאָך פון די אַלטע צאַרישע צייטען און דערנאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דער מאַגיסטראַט האָט זיך וועניג גערעכענט דערמיט, אַז די שטאָט פערמאָגט אַ נישטיגען אייגענעם פערמעגען, אַז פרי צו ברענגען אין אָרדנונג די פערנאַכלעסיגטע ענינים פון: קאַנאַליזאַציע, בעלייכטונג, שול-בנינים, שפּיטאַל-וועזען, בריקען, שטאָטישע אונטערנעהמונגען און וואוינונגס-נויט פאָדערען זיך אַזעלכע אונגעהויערע סומע, וועלכע די שטאָטישע בירגער אַליין קענען בשום אופן אַליין נישט נעהמען אויף אייגענע פּלייצעס. דערביי האָט מען אויך גערעכנט געווידענקע, אַז אַלע הכנסות פון לאָדזשער מאַגיסטראַט שטאַמען שוין איצט אין 80 פּראָצענט פון שטייערן און ס'קען גאָרנישט געמאַכט ווערן, אַז די לאָדזשער בעפעלקערונג זאָל קענען אַליין דעקען די אויסגאַבען אויף נייע גרויסע אינוועסטיציעס.

אמת איז, אַז דער מאַגיסטראַט האָט זיך בעמיהט צו בעקומען גרעסערע אויסלענדישע קרעדיטען, האָט מען אָבער געדאַרפט פּאַאויזען, אַז די קאָניונקטור אויפ'ן געלד-מאַרק אין דער וועלט איז נישט געווען קיין גינסטיגע, און שוין אַ גאַנץ גרויסע ראָל דערביי האָט געשפּילט די דיסהאַרמאָניע צווישען דעם סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט מיט דער סאַנאַציאָנישער רעגירונג, וועלכע האָבען נישט געקענט מאַכען קיין געמיינזאַמע אָנשטרענגונג, כדי צו קומען צו הילף דער שטאָט לאָדז, ווייל דאָס, וואָס האָט געלוינט פאַר איינעם האָט נישט געקענט לוינען פאַר דעם אַנדערען.

דאָס זענען די סיבּות, וואָס האָבען דערפיהרט דערצו, אַז די פּלענער פון מאַגיסטראַט זענען נישט אינגאַנצען געלונגען און מאַנכע האָבען אינגאַנצען נישט געקענט רעאַליזירט ווערען. איצט ערשט ווען דער שטאָט-פּרעזידענט האָט געהאַלטען זיין לעצטע בודזשעט-עקספּאָזע ביי דער איצטיגער קאַדענץ, איז ער געווען געצוואונגען צו בעריהרען די אַלע פראַגען און אָנגעוויזען זיי אַלס פּועל-יוצא פון דעם, וואָס די מאַגיסטראַט-פּלענער זענען נישט אינגאַנצען געלונגען.

פערשטעהט זיך, אַז ביי רעאַליזירען די פּלענער פון מאַגיסטראַט האָט אויך געהאַט אַ וואָרט צו זאָגען דער ווירטשאַפטליכער קריזיס, ס'זענען געווען מאָמענטען, ווען די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שטאָט איז געוואָרען אַ קריטישע. דער מאַגיסטראַט איז דעמאָלט געגאַנגען אויפ'ן וועג פון לייכטסטען ווידערשטאַנד, געהעכערט פערשידענע שטייערן און פערשטאַרקט די עקזעקוציעס, איינע פון די אומגליקליכסטע איינפאַלען איז דערביי געווען די בעגיינונג פון דער „ע.לה.", וועלכע איז אַבער צום גליק נאָך נישט איינגעפיהרט געוואָרען אין לעבען, אָבער שטעהט נאָך אַלץ אויף דער טאָג-אָרדנונג און קען אַ ליאַרע טאָג פערווירקליכט ווערען.

אויפפאַלענדיג בעת דער עקספּאָזע פון שטאָט-פּרעזידענט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אינגאַנצען נישט בעריהרט, אפילו מיט קיין איין וואָרט, די יודען-פראַגע, אָבער דאָס האָט דער פּרעזידענט נישט געטאָן דורך דער גאַנצער צייט פון זיין קאַדענץ. מיר ווילען אַבּסאָלוט נישט לייקענען, אַז די בעציהונג פון איצטיגען מאַגיסטראַט צו דער יודישער אַרבייטענדיגער בעפעלקערונג איז געווען אַ פיל גינסטיגערע, ווי ביי אַנדערע שטאָט-פערוואַלטונגען, האָט דאָך דער מאַגיסטראַט צוגענומען צו אַרבייט אַ געוויסע צאָהל יודישע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע (אפילו אַ זעהר נישטיגע, וואָס שטעהט אין קיין שום פערהעלטעניש צו דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז) האָט אויך עפּעס דער מאַגיסטראַט געטאָן אויפ'ן געביט פון יודיש-וועלטליכען שול-וועזען. אַבער אַלס איז געמאַכט געוואָרען בחדרי חדרים ביים גרינעם טיש פון אונטערהאַנדלונגען מיט ד"ר, וואָס בילדען די מעהרהייט אין שטאָטראַט. אָבער נאָך קיינמאָל האָט די פּ.פּ.ס. נישט געפּועל'ט ביי זיך צו ערקלערען אָפען און קלאָר פון דער שטאָט-טריבונע איהר שטעלונג צו די יודישע פּאָסטולאַטען, וועלכע זענען דאָך אין די צעהנדליגער אַריינגעטראַגען געוואָרען אין שטאָט-ראַט.

אַן אייגענאַרטיגע שטעלונג האָט אויך דער שטאָט-פּרעזידענט בנוגע אָביעקטיוויטעט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ביים צוזאַמענשטעלען די ליסטע פון די אינסטיטוציעס, וועלכע בעקומען סובסידיעס פון שטאָט-ראַט.

י. ד—ן.

דער פּאָליטישער מאָמענט

די סאָוויעטען פאַר'ן פאָרום פון אייראָפּע

אַ גאַנצע רייה פאַקטען זאָגען עדות, אַז אין אייראָפּע קומט פאָר אַ קאָנצענטרירטער אַנגריף — אַ מאָראַלישער און פּאָליטישער — געגען די סאָוויעטען. דער אַנגריף קומט נישט דירעקט פון די רעגירונגען, נאָר פון אַנדערע שטעלען און אינסטאַנצען ביי דער שטילער און אפילו אָפענער אַפּראָבאַטע פון די אייראָפּעאישע פּאָליטישע לייטונגען.

קודם כל די פּראָצעסען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פּאַריז און אין בערלין. אין פּאַריז זענען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, לויט דער אָנקלאַגע פון דער סאָוויעטישער פאָרשטעהערשאַפט, דער געוועזענער סאָוויעטישער האַנדעלס-פערטרעטער, ברודער פון פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אויסערן ענינים, ליטווינאָוו און עטליכע אַנדערע. זיי אַלע זענען בעשולדיגט געווען אין פעלשען סאָוויעטישע וועקסלען אויף מיליאָנען פראַנק און לאָזען די וועקסלען אין אומלויף. די פערטיידיגער פון די בעשולדיגטע האָבען אויסגענוצט די גינסטיגע געלעגענהייט צו ענטוויקלען אויפ'ן פאָרום פון געריכט אַ געוואַלטיגע אַטאַקע געגען די סאָוויעטען און דעם רעזשים, וואָס הערשט איצט אין רוסלאַנד. הגם דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קרימינעלישע אָנקלאַגעס און קרימינעלע פערברעכענס, וואָס ווערען פעראורטיילט און פערדאַמט דורך אַלע אייראָפּעאישע געזעצגעבונגען, האָט זיך אויפ'ן געריכט אָפּגעשפּילט אַ פּאָליטישער משפּט איבער דער סאָוויעטען-מאַכט. די פערטיידיגונג האָט זיך בעמיהט צו שאַפען — און דאָס איז איהר געלונגען — אַ פיינדליכע שטימונג לגבי די סאָוויעטען, און די געשוואָרענע ריכטער האָבען סוף כל סוף אַרויסגעטראָגען אַ בעפרייאונגס-אורטייל פאַר אַלע בעשולדיגטע. דער אורטייל איז געגען רעכטסבעוואוסטזיין פון אייראָפּעער, ער ענטשפּרעכט אָבער די פּאָליטישע שטימונגען פון אייראָפּעאישען קליינבירגער, וועלכער איז אַנטי-סאָוויעטיש געזינט.

אַן ענליכער פאַקט איז פאָרגעקומען אין בערלין. דאָרט זענען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק עטליכע גרוזינישע פּאַטריאָטען, וועלכע זענען געווען בעשולדיגט אין פעלשען סאָוויעטישע טשערוואָנצעס. די פערטיידיגונג איז געגאַנגען אויף דער ליניע, אַז די האַנדלונג פון די געלד-פעלשער איז אַרויסגערופען געוואָרען פון פּאַטריאָטיש-פּאָליטישע מאָטיווען, אַז די טשערוואָנצעס זענען געפעלשט געוואָרען מיט דער כוונה צו שאַפען געלד-מיטלען אויף אונטערצוגראָבען און אומצוברענגען די סאָוויעטען-מאַכט אין גרוזיע. דאָ זענען שוין קיין געשוואָרענע ריכטער נישט געווען, וועלכע טראָגען אַרויס זייער ווערדיקט קורץ און דאַרפען דעם פּסק-דין נישט מאָטיווירען. דאָ איז געווען אַ מלוכה-געריכט, וואָס אורטיילט לויט'ן אות פון געזעץ. און אויך דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגען אַזאַ אורטייל, לויט וועלכען די בעשולדיגטע זענען, אָדער אינגאַנצען פריי געשפּראָכען געוואָרען, אָדער זיי זענען, ביי דער אָנווענדונג פון אַמנעסטיע פריי געוואָרען פון טורמע.

אַ ברייטער אַנגריף אויף די סאָוויעטען ווערט ווייטער געפיהרט אין פראַנקרייך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה קוטיעפּאָוו. שוין עטליכע וואָכען, ווי דער גענעראַל איז פערשוואונדען געוואָרען און אויף זיין שפּור איז מען ביז איצט נישט געקומען, און כאָטש עס איז שטאַרק קשה, וואָס פאַר אַ אינטערעס האָבען עס געקאָנט האָבען די סאָוויעטען אין פערכאַפּען, פערשלעפּען אָדער הרג'ענען דעם אַמאָליגען שוואַרצמאַהיגען גענעראַל, ווייזען טויזענטער פינגער און אויף דער סאָוויעטישער באָטשאַפט אין פּאַריז, אַז פון דאָרט קומט אַט דאָס פערברעכען, אַז דאָרט איז עס די נעסט, פון וואַנען מ'קען ערוואַרטען אַלע מעשים תעתועים. אָהן ספק האָבען דאָ זייער ראָלע אָפּגעשפּילט די רעוועלאַציעס פון געוו. סאָוויעטישען דיפּלאָמאַט בעסעדאָווסקי, וועלכער האָט די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע שטעלען פון די סאָוויעטען פערגעשטעלט אַזוי, אַז לגבי זיי קאָן מען פריילאָזען יעדווערע צופּישעוועטע פאַנטאַזיע.

די פראַנצויזישע עפענטליכע מיינונג רעדט די האַרבסטע דיבורים אויפ'ן אַדרעס פון דער סאָוויעטען-מאַכט; די סאָוויעטישע באָטשאַפט ווערט אָנגערופען „נעסט פון באַנדיטען". און עס ווערט גאַנץ אָפען געפאָדערט, אַז דאָוגאַלעווסקי זאָל פערלאָזען פּאַריז. די פראַנצויזישע רעגירונג ווייזט נישט אַרויס דעם מינדעסטען חשק איינצוצוימען די פּרעסע, און אויפ'ן דעמאַרש פון סאָוו. באָטשאַפטער ענטפערט טאַרדיע, אַז אין פראַנקרייך הערשט פרייהייט פון וואָרט און יעדער קאָן רעדען און שרייבען וואָס נאָר ער וויל.

ערמוטיגט דורך דעם וואוילגעפעלען פון די אָפיציעלע אָרגאַנען ענטוויקלט די רוסישע עמיגראַציע אין דייטשלאַנד און בעזונדערס אין פראַנקרייך אַ לעבהאַפטיגסטע פּאָליטישע אַנטי-סאָוויעטישע אַקציע. פּראָפ. מיליוקאָוו און קערענסקי טרעטען אַרויס אַלס רעפערענטען אין די זאַלען פון פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט, אויפקלערענדיג דעם מהות פון דער סאָוויעטען-רעגירונג; אין פּאַריז קומען פאָר גרויסע פּאָליטישע רוסיש-פראַנצויזישע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע די פיהרער פון דער רוסישער עמיגראַציע אַפּעלירען, אויב נישט וועגען אַ דירעקטע און בעוואַפענטער אינטערווענץ, איז צו די געפיהלען און סימפּאַטיעס פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט.

און נאָך פון איין זייט קומט דער אַנגריף אויף מאָסקווע — פון פעראייניגטען קלער. אָנגעהויבען האָט עס זיך אין ענגלאַנד. דאָרט איז מיט עטליכע וואָכען צוריק פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער מיטינג, אויף וועלכען עס זענען אַרויסגעטראָטען פאָרשטעהער פון אַלע אמונות — אויך דער הרב הכולל הערץ — און האָבען פּראָטעסטירט געגען די רעליגיעזע רדיפות אין רוסלאַנד. איצט איז געקומען אויך רוים. דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירכע, דער פּויבּסט פּיוס דער 9-טער האָט זיך געוואַנדען מיט אַ שריפט צום הויפּט-וויקאַר, קאַרדינאַל פּאָמפּילי וועגען די רעליגיעזע פערפאָלגונגען אין רוסלאַנד. די ווענדונג איז דאַן געוואָרען אָפּגעדרוקט אין אָפיציעלען אָרגאַן פון וואַטיקאַן „אָבסערוואַטאָרע ראָמאַנאָ". דער פּויבּסט שרייבט וועגען דער גאָטלעסנדיגקייט, אַז אַלע מלוכות זאָלען געמיינזאַם אַרויסטרעטען אויפ'ן אַדרעס פון דער סאָוויעטען-רעגירונג. אַזאַ ערקלערונג האָט דער וואַטיקאַן פאָרגעלעגט צו מאַכען שוין, בעת דער קאָנפערענץ אין גענוא. ווען טשיטשערין האָט זיך געפונען אין איטאַליען (דער פאָרשלאַג פון וואַטיקאַן איז דעמאָלט נישט רעאַליזירט געוואָרען, ווייל געגען איהם איז מיט דער גאַנצער ענערגיע אַרויסגעטראָטען לאָיד-דזשאָרדזש).

„ערציהונג, וויסען און קולטור — שרייבט דער פּויבּסט — פונקט ווי ערליכקייט, גערעכטיגקייט און אפילו מאַטעריעלער וואוילשטאַנד קאָנען נישט בליהען אָהן רעליגיע. מ'צווינגט די יוגענד זיך צו פערשרייבען אין די יוגענד-פערבאַנדען, כדי צו פערהוילען זייער מאָראַלישע געפאַלענקייט; מ'צווינגט קינדער צו מסר'ן עלטערען; מהלל זיין און פערניכטען געגענשטאַנדען און בנינים פון קולטוס; מ'שטעקט אָן זייערע נשמות מיט אַלע אויסגעלאַסענקייטען און שענדליכע מאַטעריאַליסטישע פאַלשע לעהרעס"... א.אַז.וו.

די ווענדונג פון פּויבּסט האָט שוין געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַנדערע לענדער. איינינע ענגלישע בלעטער פאָדערען, אַז אויך דער הויפּט פון דער אַנגליקאַנישער קירכע זאָל אַרויסטרעטען מיט אַן ענליכער ערקלערונג. אין פּאַריז האָט די פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטישע פעדעראַציע איינגעאָרדנעט אַ טרויער-גאָטעסדינסט מיט'ן אָנטייל פון פאָרשטעהער פון אַלע רעליגיעס און פון רבנים.

די פּאָליטישע בעדייטונג פון פּויבּסט'ס ווענדונג בעשטעהט דערין, וואָס מיט איהר ווערען איבערגעריסען אַלע פעדים, וואָס האָבען זיך געצויגען צווישען וואַטיקאַן און די סאָוויעטען. אַזעלכע פעדים זענען געווען. עס האָט געהאַלטען ביי דער יורידישער אָנערקענונג פון די סאָוויעטען דורך דעם וואַטיקאַן. איצט איז דאָס געוואָרען אומעגליך.

ווי אַזוי און ווי ווייט וועלען די סאָוויעטען רעאַגירען אויף די אַנגריפען? אין דער בעציהונג צו די רעליגיעזע פראַגען איז שווער צו גלויבען, אַז מאָסקווע זאָל זיך איבערשרעקען פאַר די קללות און חרמות פון די פעראייניגטע קירכען. די ידיעות פון רוסלאַנד ווייזען אָן, פערקעהרט, אויף אַ פערשאַרפטען קאַמף געגען די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די אָרגאַניזירטע רעליגיעזע געמיינדעס. צווייפעלהאַפט איז, צי וועלען די סאָוויעטען פּרובען ציהען פּאָליטישע קאָנסעקווענצען פון די פאַקטען, וואָס הור'ען זיך איבער אין פערשידענע לענדער, און וואָס זיי, די סאָוויעטען, מוזען בעטראַכטען אַלס פּראָוואָצירענדע. די סאָוויעטען-מאַכט איז צופיל פערטאָן און פערנומען מיט שווערע און קאָמפּליצירטע אינערליכע פּראָבלעמען, אַז זי זאָל ריזיקירען מיט שאַפען פערוויקלונגען אין איהר מצב אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

ב. פּ.

די דעלעגאַטען צו דער לאָנדאָנער ים-קאָנפערענץ

וואָס זיי ווילען און ווי זיי פערברענגען

זאָל מיר דער לעזער גלויבען אויפ'ן וואָרט. איך האָב אַליין איבערגעצעהלט די צאָהל דעלעגאַטען אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ וועגען ים-ענטוואָפנונג. זייער צאָהל איז 264 – דיפּלאָמאַטען, עקספּערטען און אַנדערע מיטגלידער פון דעלעגאַציעס. צום צאָהלרייכסטען פון אַלע איז די יאַפּאַנישע דעלעגאַציע, וועלכע בעשטעהט פון 61 מיטגלידער. נאָך איהר געהט די פראַנצויזישע מיט 58 מיטגלידער, די ענגלישע אינאיינעם מיט די פאָרשטעהער פון די דאָמיניאָנס בעשטעהט פון 50 פּערזאָן; די פעראייניגטע שטאַטען האָבען געשיקט 43 מענשען; איטאַליען – 31. אין סעקרעטאַריאַט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטעהער פון אַלע פעלקער, וואָס בעטייליגען זיך אין דער קאָנפערענץ, געהען אַריין 11 פּערזאָן, און די פאָרשטעהערשאַפט פון פעלקערבונד בעשטעהט פון 3 פּערזאָן. צווישען די דאָזיגע 264 דעלעגאַטען געפינט זיך נישט ווייניגער פאַר 32 אַדמיראַלען און 150 פערשידענערליי מיליטערלייט. די מיליטערישע עקספּערטען, פון וועלכע מ'האָט אַ חודש פאַר דער קאָנפערענץ שטאַרק חוזק געמאַכט. און וועגען וועלכע מ'האָט גערעכענט, אַז מ'וועט זיי שוין מעהר נישט זעהן, זענען געקומען אין פולען קאָמפּלעט און זיי שטעלען מיט זיך פאָר אפילו אַ מעהרהייט.

טעריטאָריעל האָבען זיך די אונטערנעהמער פון דער קאָנפערענץ צוטיילט אין לאָנדאָן אויף פאָלגענדען אופן: די אַמעריקאַנער וואוינען אין האָטעל „ריץ", אין סאַמע צענטער פון רוישיגען פּיקאַדילי; די פראַנצויזען וואוינען אין האָטעל קאַרלטאָן, אין שכנות מיט דער דייטשער געזאַנדשאַפט; די איטאַליענער אין „קלאַרידזש", אין אַ זייט פון שיינעם קוואַרטאַל מעיפער; די יאַפּאַנער האָבען זיך בעזעצט אין גרויסען בנין פון זייער אייגענער געזאַנדשאַפט אויף גראָוועגער סקוועער. די ענגלישע בעאַמטע, וואָס האָבען וועלכע ס'איז שייכות צו דער קאָנפערענץ, געהערען צום אינערן-מיניסטעריום, צום פלאָט-מיניסטעריום, צום פינאַנץ-אַמט, צום אַמט פאַר די ענינים פון אינדיען, פאָרשטעהערשאַפט פון דרום-אַפריקע, אויסטראַליע, קאַנאַדע, ניי זעלאַנד און אירלענדישע רעפּובליק. צווישען די אַלע האָטעלען און מלוכה-אַמטען אין דעם פּאַלאַץ סען-דזשעמס, וואו ס'קומט פאָר די קאָנפערענץ, געהט אָהן אויפהער אַ פיבערהאַפטיגע בעוועגונג פון וואָס מ'מוז זיך משער זיין, אַז די קאָנפערענץ איז אַ זאַכליכע.

געוויסע פּויזעס אין דער דאָזיגער בעוועגונג קומען פאָר צוליב צוויי סיבות. ערשטענס, צוליב די געוועהנליכע פייערונגען, וואָס זענען פערבונדען מיט יעדער קאָנפערענץ און וואָס קומען איצט פאָר אין לאָנדאָן איינע נאָך דער אַנדערער. כמעט אַ העלפט פון די דעלעגאַטען זענען געקומען מיט זייערע פרויען און טעכטער, וועלכע האָבען אַ שטאַרקען בעגעהר — צו טאַנצען. די עליטע פון דער ענגלישער געזעלשאַפט ווייזט אַרויס אַ פולע פערשטענדניש פאַר דער דאָזיגער מענשליכער שוואַכקייט, און כמעט יעדען טאָג קאָן מען לייענען אין „מאָרנינג פּאָסט", אַז לאָרד איקס און ליידי זעט אָרדנען איין אַ גלענצענדע אויפנאַהמע „לכבוד די דעלעגאַציעס פון דער לאָנדאָנער ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ". איינינע לאָנדאָנער דאַמען ווייזען אַרויס אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, אַז פון צייט צו צייט לאַדען זיי איין די פרויען און טעכטער פון די קאָנפערענץ-מיטגלידער צו זיך, אויף דאַמען-אויפנאַהמען און מיטאָגען און אַזוי אַרום העלפען זיי מיט, אַז די אָרימע דעלעגאַטען זאָלען קאָנען רוהיג אַרבייטען פאַר דער ענטוואָפנונג.

די צווייטע סיבה פון די נישט ווייניגער אָנגענעהמע הפסקות און דער פערשטאַרקטער ענטוואָפנונגס-טעטיגקייט בעשטעהט אין דער ענגלישער געוואוינהייט פון די אַזוי גערופענע וויק-ענ (סוף-דען וואָך-אָפּרוה אויסער דער שטאָט).

דער גרעסטער טייל אָנגעזעהענע מיטגלידער פון די דעלעגאַציעס האָבען געדונגען אין דער אומגעגענד פון לאָנדאָן הייזער פאַר וויק-ענד, און אין אָט די פּאַלעצלעך און אויך אין טשעקערס (וואו עס רוהט זיך אָפּ דער בריטישער פּרעמיער), קומען פאָר צוויי מאָל אין דער וואָך בעגעגענישען, וועלכע מ'וואָלט געקאָנט אָנרופען „גאַנץ געהיימע". אַ דאַנק דער בערוהיגענדער ווירקונג פון דער דאָרפס-לופט אין ענגלאַנד האָבען די דאָזיגע הפסקות זיכער אַ גינסטיגע ווירקונג אויף דער קאָנפערענץ.

ג. פּ—ן.

א גענִיאַלער געלד=פעלשער

דער יונגער מאַקס גראס, וועלכען ס'האָט אַרומגעזוכט די פּאָליציי פון דער גאַנצער וועלט

די קינפטיגע היסטאריקער פון אונזער צייט וועלען אפט זיך מוזען פערנעהמען מיט פראגען וועגען געפעלשטע דאקומענטען און פאלש געלד. אמאל פלעגען זיך מיט אזעלכע זאכען בעשעפטיגען בלויז פערברעכער, גאר פון זינט דעם קריג אן איז דאס געווארען שיער נישט א מלוכה־מאנאפאל. דייטשע פאטריאטען, אפט מענשען מיט הויכע טיטולען, האבען איינגעארדענט ווארשטאטען צו פאבריצירען פאלשע פראנקען, ענגלישע פונטען און דאלארען; אין פאריז האט מען מיט'ן וויסען פון דער מאכט פאבריצירט דייטשע מארקען; אין מאסקווע האט מען נאכ'ן קריג נאכגעמאכט דאלארען, פונטען און מארקען; אין בודאפעשט האבען פירשטען און גראפען נאכגעמאכט פראנקען, א. א. וו. א. א. וו.

נאטירליך, אז די צייט האט געשאפען גאנצע ארמעען פון זאוואנטוריסטען, ריטערס פון פאלשע דאקומענטען און באנקנאטען. ווי אין יעדער אנדערען געביט געפינען זיך אויך דא געוועהנליכע בעלי־מלאכה'ס; עס זענען אבער אויך פערהאן קינסטלער ווירטואזען, געניוסען פון פאלסיפיקאציע.

וועגען איינעם פון זיי איז ווערט צו דערצעהלען, דאס איז א פאלש־געלד־מאכער פון אינטערנאציאנאלען מאסשטאב, אן'אונגעוועהנליך דרייסטער אפעריסט און ריטער פון די פערשידענסטע פינסטערע געשעפטען, א געוועזענער רוסישער אונטער־טאן, א געבוירענער אין אוקראינע — מאקס גראס.

ער איז איצט געשטאנען פאר'ן ווינער געריכט פון געשווארענע; דערביי האט זיך פונאנדער־געוויקעלט אזא סעריע פון קרימינעלע העלדען־טאטען, וואס וואלט געסטייעט פאר א גאנצע צעהנדליג אוואנטוריסטישע ראמאנען.

די אקטאבער־רעוואלוציע האט ארויסגעווארפען מאקס גראס'ן אינאיינעם מיט זיין פאטער א קליינעם הענדלער אין קיעוו, קיין אויסלאנד. דער בחור (ער איז דעמאלט אלט געווען 18 יאהר) האט פערמאגט בעדייטענדע פעהיגקייט, ר'האט שנעל בעהערשט די דייטשע שפראך, אנגעקניפט בעציהונגען. ער איז געווארען אן'איינגענער מענש אין די בערלינער און ווינער ספערען, וואס יאגען זיך נאך לייכטע פערדינסטען.

אין אקטאבער 1919 איז ער געקומען אין א גרויסער ווינער דרוקעריי, האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן אייגענטימער אלס געוו. אפיציר פון דער אוקראינישער ארמעע מיט'ן נאמען זשיוויעץ — און מיט א שמייכעל אויף די ליפען, ווי ער וואלט גערעדט וועגען דער געוועהנליכסטער זאך, געפרעגט דעם דרוקער, צי ער וואלט נישט מסכים געווען צו דרוקען פאלשע 10־דאלאר באנקנאטען.

יונגער האט דעם ווינענעמאן אנגענומען פאר א משוגענעם. אבער זשיוויעץ האט איהם ווייטער רוהיג, מיט א שמייכעל ערקלערט, אז ער לעגט איהם פאר א ריינע לעגאלע זאך: ער איז, דהיינו געקומען מיט א בעפולמעכטיגונג פון דער אוקראינער רעגירונג און... מיט דער ערלויבניש פון דער פאליציי־פערוואלטונג אין וויען.

— עס האנדעלט זיך אט אין וואס, — האט ער ערקלערט — אין וויען איז איצט פערשפרייט א גרויסע צאהל פאלשע 10־דאלאר־באנקנאטען. די אוקראינישע רעגירונג האט בעשלאסען ארויסצו־פערטיגען עטליכע טויזענד אזעלכע פאלשע אסיגנאציעס און זיי פונאנדערשיקען אין די מלוכה'שע און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען, כדי זיי זאלען קאנען אונטערשיידען ריכטיגע באנקנאטען פון פאלשע.

און ער האט טאקע געוויזען אן'ערלויבניש פון דער ווינער פאליציי־פערוואלטונג און א בעפולמעכטיגונג פון דער אוקראינישער רעגירונג, בײדע דאקומענטען פערזעהען מיט אלע נויטיגע אונטער־שריפטען און שטעמפלען.

דער אייגענטימער פון דער דרוקעריי האט איהם געגלויבט און איז מסכים געווען, בפרט ווייל די בעדינגונגען, וועלכע דער יונגערמאן האט איהם פארגעלעגט, זענען געווען זעהר גינסטיגע. ס'איז אויפ'ן ארט געשלאסען געווארען א קאנטראקט.

איידער מ'איז צוגעטרעטען צו דער ארבייט, האט מען בעדארפט בעקומען א קלישע. דער דרוקער האט געגעבען גראס'ן א רעקאמענדאציע־בריף צום דירעקטאר פון דער פאבריק, וואו עס ווערען אויסגעפערטיגט מלוכה־דאקומענטען, אבער גראס איז אוועק צו א ספעציאליסט פון קלישעס. ער האט איהם געוויזען דעם רעקאמענדאציע־בריף פונ'ם דרוקער, און יענער האט פערלוירען יעדען ספק. אין עטליכע טעג ארום איז די קלישע געווען פערטיג, און די ארבייט האט זיך אנגעהויבען.

אין א וואך ארום האט גראס בעקומען 5000 פאלשע דאלאר־באנקנאטען — און ער האט זיך גענומען זיי פערשפרייטען אין וויען גופא. א מאל האט ער אפגעזעצט, אבער אינגיכען איז ער דורכגעפאלען, און מ'האט איהם ארעסטירט.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז נישט לאנג פאר זיין קומען קיין וויען האט גראס אין בודאפעשט פאבריצירט פאלשע באנקנאטען פון פערשידענע לענדער: עסטרייכישע קראנען, דייטשע מארקען, פראנצויזישע פראנקען. נאטירליך איז אויך קלאר געווען, אז זיינע „דאקומענטען" זענען געווען פאלשע.

זיינע גענִיאלע פעהיגקייטען האט גראס בעוויזען אויך ווייטער אין טורמע. איינמאל איז אין טורמע געקומען א שליח פון אויספארשונגס־ריכטער מיט א שריפטליכער פעראָרדנונג צו ברענגען גראס'ן צו איהם אין קאנצעלאריע אריין. גראס איז איינמאל געגאנגען מיט'ן שליח און מיט א טורמע־אויפזעהער אוועק צום אויספארשונגס־ריכטער. אבער צוריק איז דער אויפזעהער געקומען אהן דעם ארעסטאנט. ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז אלץ איז געווען אונטערגעשטעלט. גראס אליין האט אין טורמע נאכגעמאכט די פעראָרדנונג פון אויספארשונגס־ריכטער, און דער שליח, וועלכער איז מיט דער פעראָרדנונג געקומען אין טורמע אריין, איז געווען זיינער א מיטהעלפער. דער שליח האט גראס'ן מיט'ן אויפזעהער געבראכט אין א פריהער צוגעגרייטער וואוינונג, ער האט דעם אויפזעהער געהייסען וואַרטען אין פארצימער און אליין איז ער מיט גראס'ן ארויס דורך א צווייטען איינגאנג. פאליציי האט אומזיסט געזוכט דעם ארעסטאנט און זיין געהילף: זיי זענען פערשוואונדען געווארען.

(א בריף פון וויען)

גאנצע צעהן יאהר האט גראס פערבראכט אין דייטשלאנד, פראנקרייך, שפאניען, בעלגיען, אלע מאל דעם נאמען און פיהרענדיג פאר דער נאז די אינטערנאציאנאלע פאליציי. ער האט ארגאניזירט די פאבריקאציע און פערשפרייטונג פון פאלש געלד, מ'האט געפעלשט דאקומענטען, נאכגעמאכט וועקסלען און געלעבט א גוטען טאג. זוי ווי ער האט זיך אליין מודה געווען, פלעגט ער פערלעבען ביז 10 טויזענד דאלאר א יאהר.

דורכגעפאלען איז ער אין טירינגען, ווא האט ער געוואלט פערקויפען א שטיק לאנד, וואס איז כלומרשט געווען רייך אין אייזען, זיין בעהויפטונג האט ער בעשטעטיגט מיט א דאקומענט פון א בעקאנטען פראפעסאר. אבער ווען מ'האט אנגעפרעגט דעם פראפעסאר, האט זיך דער שווינדעל ארויסגעוויזען. מ'האט איהם ארעסטירט אונטער'ן נאמען אלפרעד נאלמאן און פערורטיילט אויף 9 חדשים טורמע. אבער בעת דער אויספארשונג איז ענטדעקט געווארען זיין אמת'ער נאמען, און א גאנצע רייה שטעט האבען גענומען פאדערען מ'זאל איהם ארויסגעבען. געוואונען האט דעם „העכט" וויען, וועו ר'איז געזאכיר געווארען, און אויך בורא פעשט פאדערט זיין נשמה, האט ער שטאלץ ער־קלערט:

„אין אונגארן בין איך בעגאנגען א פאליטישען פערברעכען און דארט טאר מען מיך נישט ארויס־געבען".

דאס פאליטישע פערברעכען איז בעשטאנען אין פאבריצירען פאלש געלד פאר דער קאמוניסטי־שער רעגירונג פון בעלא־קון. אבער אויך אין דייטש־לאנד און עסטרייך האט ער זיך פערנומען מיט „פא־ליטיק". ער האט געפעלשט געלד אויף צוריקצו־שטעלען די מאנארכיע.

די געשווארענע ריכטער אין וויען האבען איינשטימיג אנערקענט גראס'ן פאר שולדיג אבער אויך אויף זיי האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון אן'אויסערגעוועהנליך בעגאבטען, שיער נישט גענִיאלען מענש. און זיי האבען זיך משתדל גע־ווען פאר'ן געריכט מ'זאל איהם געבען א מילדען אורטייל. דאס געריכט האט די שתדלנות גענומען אין אכט און גראס'ן פערמשפט אויף דריי יאהר תפיסה.

צי וועט ער אפזיצען דעם טערמין — אדער ער וועט צוטראכטען עפעס א נייעם טריק און וועט אפנארען די טורמע־אדמיניסטראציע? ס'איז נישט אויסגעשלאסען.

ג. ט—ן.

פערליכטערונגען ביי דער קאלעק=טיוויזאציע אין רוסלאנד?

מאסקווע. די רעגירונג האט בעשלאסען צו בעציהען זיך מיט א בעזונדערער פארזיכטיגקייט צו דער פראגע פון קאלעקטיוויזאציע ביי די נאציאנאלע מינדערהייטען. עס איז קענטיג קלאר געווארען, אז עס איז אוממעגליך אזוי אין איין הויף עין צו פעראייניגען ווירטשאפטען פון פער־שידענע נאציאנאליטעטען. נאך א ספעציעלען בעריכט וועגען דער נאציאנאל־מינדערהייטען ארבייט פון דעם אינסטרוקטאר אסטראווסקי, איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז עס איז א גרויסע דערגרייכונג, וואס מען איז צוגעטראטען צו קאנצענטרירן די קליינע נאציאנאלע קאלוויר־משאפטען אין דעם גאנצען מערב־קאנט. אויף א שטח פון 1000 הקטאר איז געשאפען געווארען פון קליינערע יודישע ווירטשאפטען איין יודישער „גיגאנט".

דאס איז א טענדענץ, וואס ווייזט אן, אז מען וועט נישט אזוי כאפען זיך מיט דער „אינ־טערנאציאנאליזאציע" פון די לאנדווירטשאפט־ליכע פערמעס און קאלאניעס. ווי בעוואוסט, איז איינע פון די גרעסטע שוועריגקייטען ביי דער קאלעקטיוויזאציע ביי יודען געווען דאס, וואס מען האט מורא געהאט פאר'ן צווינגען זיך צו פעראייניגען מיט די נישט־יודען. די דאזיגע טענדענץ איז נאך נישט אויפגעגעבען, און אין גרונט בלייבט זי ווייטער. אבער וואו עס איז מעגליך,— זעהט מען זי, ווייזט אויס, צו פערמיידען.

פון דער אנדערער זייט איז א פאזיטיווע דערשיינונג וואס מען האט זיך ארומגעקוקט אויך אויף דעם קוממאר דעם יחיד, און בכלל אויף דעם ארימען יודען אין שטעטעלע אפילו אויף דעם דעקלאסירטען. אין מאסקווע איז פארגע־קומען א קאנפערענץ פון דעם קאאפעראטיוו־געווערבישען ראט פון גאנץ רוסלאנד. האט מען דא וועגען דער יודישער שטעטלדיגער בעפעל־קערונג גערעדט מיט רחמנות און סימפאטיע. דער פערטרעטער פון מאהילעווער קרייז ה' שער מאן, למשל, האט אנגעוויזען, אז מען דארף איצט אפגעבען א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט די יודישע קוסטארען פון די ווייסרוסישע שטעט־לעך, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי זענען שניידער און שוסטער, וואס האבען נישט קיין רויה־שטאפען. ביים דורכפיהרען די דורכאויסיגע קאלעקטיוויזאציע בלייבען אין שטעטעל א היפש ביסעל שניידער און שוסטער, וואס זיצען אהן ארבייט, און מען מוז זיי דעריבער האבען אין זינען.

דער זעלביגער שערמאן האט אנגעוויזען, אז מען דארף זיין פארזיכטיג ביי דער רייניגונג פון די ארטעלען, ביים ארויסווארפען „קלאסען־פרעמדע עלעמענטען". „מען דארף נישט טאן אזוי — האט ער דערקלערט, — ווי מען האט אקארשט געטאן אין ווייסרוסלאנד, בעת מען האט זיך געכאפט פערריכטען די פריהערדיגע פעה־לערען, און מען האט רעסעם, אהן שום אפ־קלייב, אויסגערייניגט אלע וואל־רעכטלאזע פון די ארטעלען". כמעט א קורצער צייט צוריק — האט שערמאן פערזיכערט — האט מען בעקומען די נויטיגע דירעקטיווען „און איצט געהען מיר שוין צו צום קוסטאר מיט'ן נויטיגען ריכטיגען צוגאנג".

אט די רייד זענען סימפאטאמאטיש. זיי זע־בען נאך נישט קיין דערלייכטערונג פאר אלע רעכטלאזע יודען און קאנען נאך נישט העלפען די דעקלאסירטע, אבער דער „טשאד" פון ליג־קיזם גייט א ביסעל פערביי. אינ'ם „עמעס" גופא איז א ויצעקי און א קריטיק א שארפע פון אייניגע מלוכה־ארגאנען (קאמיסאריאט פאר האנדעל, „סאוו־נארכאז"), הלמאי מען רופט זיי שוין עטליכע מאל וועגען בעזארגען מיט רויה־שטאפען די יודישע נויטבעדערפטיגע קוסטארען, און די דאזיגע אינסטיטוציעס שיקען נישט קיין פערטרע־טער, סאאבטירען די זאך, און מייגען, אז דער דעקרעט וועגען דער בעדינגונג פון דער נאצ־מינדערהייטען־ארימשאפט האט צו זיי קיין שום שייכות נישט.

די נויט פון דעם שטעטל שרייט — און די קאמוניסטען קיקען זיך ארום, און ווילען אפשר אליין פערריכטען אייניגע פעהלערען פון די ערשטע קאלעקטיוויזאציע־וואכען. אזוי זעהט עס יעדענפאלס אויס.

ווי אזוי ווערן געמאכט קינא=טריקען

נישט איינמאל זעהען מיר אין קינא פערשי־דענע שרעקליכע און לעבענס־געפעהרליכע סצע־נעס, פון וועלכע דאס בלוט ווערט אונז ממש פער־קיהלט אין די איברים, און די צושויערס זענען זיכער, אז אזעלכע סצענעס זענען ווירקליך פאר־געקומען פאר'ן אויפנעהם אפאראט. אין דער ווירק־ליכקייט איז עס אבער גאר אנדערש: דער רייי־טער, וועלכער יאגט אויף זיין צעווילדעוועטען פערד איבער א טיפען אפגרונד, איז קיינמאל אי־בער קיין אפגרונדען נישט געשפרונגען. די בהלה־קאטאסטראפע אויפ'ן עקראן איז אין דער ווירק־ליכקייט אפשר קיינמאל נישט פארגעקומען, און די גראנדיגע מיטעלאלטערליכע שלעסער און פא־לאצען זענען בלויז איינשטאקיגע טעקטור־בנינים. די אילוזיע אבער פון דער ווירקליכקייט און די ראזיגע סצענעס שאפט דער קאמפליצירטער אויפ־נעהם אפאראט, וועלכער האט אומבעגרענעצטע מיטלען און מעגליכקייטען, און אזוי ארום ענט־שטעהען די אזויגערופענע „פילם טריקען".

דארף מען, למשל, מאכען אן'אויפנאהמע פון אנ'אקציע, וועלכע שפילט זיך אפ אויפ'ן פאהן פון א מיטעלאלטערליכען שלאס. אנשטאט מען פון טאוועל דעם פונדאמענט בלויז פונ'ם שלאס און די אנפאנג מויערען, דאס איבעריגע — די אויבערשטע וואנד־טיילען, דער דאך, די טורעמס ווערען אויסגעמא־לען בלויז אויף גלאז, און די דאזיגע גלעזערנע רעקארציע שטעלט מען צו צו די טאוועלנע אנ־פאנג מויערען און פאר'ן אויפנאהם־אפאראט בע־העפטען זיך ביידע העלפטען — די טאוועלנע און די אויסגעמאלענע אויפ'ן גלאז. אויף דער טאשמע בעקומט זיך א גאנצער שלאס און מיר דערקענען נישט שפעטער, וואו עס ענדיגט זיך די ווירקליכ־קייט און וואו עס הויבט זיך אן די פאנטאזיע. אויף דעם ראזיגען אופן זענען ענטשטאנען אין פ לם דער פאריזער נאטר־דאם־קלויסטער, די לבנה־באנאסענע ים־קאנאלען פון ווענעדיג און די שענ־סטע ווינקעלעך פון דער ריוויערא.

א צווייטער פילם־טריק איז דאס בענוצען זיך בעת די אויפנאהמעס מיט מיניאטורען: דארפען, למשל, פארקומען ערד־ציטערנישען, וואסער פער־פלייצונגען, באהן־קאטאסטראפעס, מאכט מען דאס מיט טעקטורענע מיניאטור־מאדעלען, וועלכע שטע־לען פאר באהנען, בריקען און גאנצע שטעדט אפילו מיט דער הילף פון א פעפער׳ע ווערען זיי צושאסען און צובראקען און גלייכצייטיג ווע־רען זיי אויפגענומען פונ'ם קינא־אפאראט און שפע־טער ספעציעל פערגרעסערט. די קאמישע סצענעס מיט פליהענדיגע אויטאמאבילען, מאטאציקלען ווערען אויך געמאכט מיט דער הילף פון מיניא־טור־מאדעלען, און עס זענען פארהאן ספעציעלע דיאהטען, וואס בענוצען די דאזיגע געגענשטאנ־דען. ספעציעלע, אזוי גערופענע דאפעל־אויפנאה־מעס ווערען געמאכט בעת עס בעווייזען זיך אויפ'ן עקראן דורכזיכטיגע גייסטער.

א מייסטער פון טריקען און פארטלען איז דער בעוואוסטער אמעריקאנער קינא־אקטיאר דוג־לאס פערבענקס. אין זיינעם א בעקאנטען פילם „דער שווארצער ים רויבער" איז פארהאן א סצע־נע, אין וועלכער א כך מענשען שווימען אונטער'ן וואסער. די דאזיגע ים־סצענע איז געמאכט געווא־רען אויף דער יבשה אין אטעליע. — אויף דער פאדלאגע האט מען אויסגעשפרייט גוזי, געפאל־דעוועט טוך, וואס האט געדארפט אימיטירען די וואסער־פאליעס, איבער וועלכע עס האבען געהאנ־גען אויף ספעציעל־קאנסטרואירטע שטריק די „שווימערס". זיי האבען געמאכט מיט די הענד און פיס פערשידענע שווים־בעוועגונגען — און די דאזיגע שווערע „וואסער־סצענע" איז תיכף אויפ־גענומען געווארען פון א צעהנדליג אפאראטען, וועלכע מען האט אוועקגעשטעלט מיט די פיסלעך ארויף, בכדי דערנאך, בעת'ן דעמאנסטרירען דאס בילד אין קינא זאל ארויסקומען א ריכטיגע פא־זיציע.

אט די עטליכע ביישפילען שעפען נאך נישט אויס דעם גאנצען אוצר פון „ליגענס" און טרי־קען, מיט וועלכע עס בענוצט זיך דער פילם, בכדי אונטערצושראגען דעם קינא־צושויער די רעאלע ווירקליכקייט.

Dr. med. H. KRAUSKOPF
אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען
צעגעלניאנא 45, טעל. 113-47
נעמט אן פון 4 ביז 7 אין אָוונד.

לאדזש
14 פעברואר 1930

נייער פאלקסבלאט

לאדזש
14 פעברואר 1930

די פראגע וועגען יודישען בוך אין אמעריקא

פון צביון

איך האב בעקומען צוגעשיקט א ניי יודיש בוך, זעהר שעהן ארויסגעגעבן, פיין געדרוקט, פיין אילוסטרירט און פיין געבונדען. דערביי האב איך געפונען א בעמערקונג, אז דאס בוך האט זיך שוין אין א גאנץ קורצער צייט פערקויפט אין מעהר ווי טויזענד עקזעמפלארען.

דאס בוך, וואס הייסט „יונגעלע רינגעלע", געשריבען פון לעאן עלבע און אילוסטרירט פון א. גאלדמאן, ענטהאלט א קינדערישע מעשה וועגען א פאנטאסטישע רייזע פון א יודישען יונגעלע, דאס הייסט עס, א בוך פאר יונגע יודישע קינדער, וואס קענען לייענען יודיש.

נאר נישט וועגען דעם וויל איך דא שרייבען. איך קען בלויז זאגען, אז לויט מיין מיינונג איז דאס אן אינטערעסאנט בוך פאר קינדער. איך צווייפעל אבער, אויב מיין מיינונג איז אין דעם פרט וויכטיג. איך גלויב, אז אויף קינדער־ליטעראטור דארף מען האבען ספעציעלע מבינות, בפרט נאך אויף יודישע קינדער־ליטעראטור אין אמעריקא. מיך אינטערעסירט הויפטזעכליך די בעמערקונג, אז דאס בוך האט זיך אין א גאנץ קורצער צייט שוין פערקויפט איבער טויזענד עקזעמפלארען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיין פרייז איז נישט קיין גאנץ ביליגער.

איך האב זיך פעראינטערעסירט צו דערגייען, פון וואנען עס נעהמט זיך דער ערפאלג פון דעם בוך. הער איך דאך די לעצטע צייט אן איינשטימיגען פערצווייפלונגס־געשריי, אז דאס יודישע בוך אין אמעריקא געהט אונטער, אז קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט'ן יודישען בוך, אז קיינער וויל נישט קויפען און קיינער וויל נישט לייענען א יודיש בוך, און פלוצים אזא איבערראשונג: א יודיש בוך האט זיך פערקויפט אין א קורצער צייט אין איבער טויזענד עקזעמפלארען!

האב איך אנגעפרעגט ביי די ארויסגעבער, אויב זיי קענען מיר ערקלערען דעם סוד פון זייער ערפאלג, און זיי האבען מיר ערקלערט אין איינציגע ווערטער: דאס בוך איז גוט רעקלאמירט געווארען.

עס הייסט, אלזא, אז דאס יודישע בוך איז גאר נישט אזוי טויט, ווי מען האט פראבירט מאכען דעם איינדרוק. דאס יודישע בוך איז בלויז טויט, ווען מען דערציילט קיינעם נישט פון זיין לעבען, ווען אבער מען רעקלאמירט און מען לאזט וויסען דעם יודישען עולם, אז דאס יודישע בוך לעבט נאך, דאן געפינען זיך בעלנים, וואס ווילען עס אנקויפען. אזוי איז דאס אייגענטליך אויך מיט דעם ענגלישען בוך. ווען דאס ענגלישע בוך וואלט נישט אנגעזאגט געווארען, וואלט אויך דאס לעבען פון דעם ענגלישען בוך נישט געווען, וואס מקנא צו זיין.

נאר עס איז גלייכער, אז מען זאל דאס יודישע בוך אין אמעריקא נישט פערגלייכען מיט דעם ענגלישען. איך גלויב, אז עס האט דעם יודישען בוך זעהר פיל געשאדט, וואס מען האט איהם שטענדיג פרובירט פערגלייכען מיט דעם ענגלישען.

ווען מען זאל אויסרעכענען אין וואס פאר א צאהל א יודיש בוך דארף זיך פערקויפען אין אמעריקא אין פערגלייך מיט אן ענגליש בוך, לויט דעם פראצענט פון ענגלישע לעזער און יודישע לעזער, וואס אמעריקא פערמאגט, דאן וועט דער חשבון אויסווייזען, אז אין דורכשניט פערקויפט זיך דאס יודישע בוך אין א גרעסערער פראפארציע, ווי דאס ענגלישע בוך, און איך האב פאר דעם יסוד פון מיין חשבון אנגענומען, אז א העלפט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אמעריקא קען לייענען יודיש, וואס דאס איז, דאכט זיך, א רעכט ביסעל צו הויך געשאצט, ווייל פון דעם יונגען יודישען דור אין אמעריקא איז דער פראצענט, וואס לייענען יודיש א גאנץ קליינער. אבער אפילו אננעהמענדיג, אז א העלפט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אמעריקא קען לייענען יודיש, קומט עס אויס, אז ווען אן ענגליש בוך ווערט פערקויפט אין עטליכע הונדערט טויזענד עקזעמפלארען, דארף א יודיש בוך פערקויפט ווערען בלויז אין א פאר הונדערט.

און מען דארף דאך נעהמען אין בעטראכט, אז א גאנץ גרויסע צאהל עקזעמפלארען פון א בעסערען ענגלישען בוך געהט אוועק פאר די אמעריקאנער פאלקס־ביבליאטעקען, פריוואטע ביבליאטעקען, שולען, אוניווערזיטעטען און אנדערע בילדונגס־אנשטאלטען.

דאס יודישע בוך דארף דעריבער אינגאנצען נישט פערגליכען ווערען מיט דעם ענגלישען.

און פונקט אזוי ווי דאס יודישע בוך אין אמעריקא קען נישט פערגליכען ווערען מיט דעם ענגלישען, אזוי דארף אויך דאס יודישע בוך אין פוילען נישט פערגליכען ווערען מיט דעם פוילישען.

מען דארף אנערקענען, אז די לאגע פון דעם יודישען בוך איז ווייט נישט אזוי גינסטיג, ווי די לאגע פון ביכער אין אנדערע שפראכען. און וואס שייך צו אמעריקא, קען מען אפילו נישט פראבירען צו מאכען, וועלכען עס איז פערגלייך. אין אמעריקא האבען אפילו די עקסטרעמע יודישיסטען אנגעפאנגען קוקען אויף יודיש, ווי אויף א טשיקאווע, אויסטערלישע שפראך.

דאס ליגט פאר מיר א ביכעל יודישע לידער, אונטער דעם נאמען „ערשטע טריט", וואס זייער מחבר, עזרא נוטמאן, איז א צוועלף יעהריגער בחור, און אזוי ווי איך שרייב דא נישט קיין רעצענזיעס אויף ביכער, וואס איך דערמאהן, וועל איך אויך נישט זאגען קיין מבינות אויף די לידער פון עזרא נוטמאן. אפשר וועגען זיי פאר א צוועלף יעהריגען פאעט גוט גענוג און אפשר וועגען זיי פאר א צוועלף יעהריגען פאעט אויסגעצייכענט, אבער אזוי פיל קען איך זאגען, אז ווען ער וואלט די זעלבינע לידער אנגעשריבען אין ענגליש, וואלט קיינעם נישט איינגעפאלען זיי ארויסצוגעבען אין א ביכעל. די ענגלישע ליטעראטור וואלט איינפאך פערפליצט געווארען מיט אזעלכע צוועלף־יעהריגע פאעזיעס, איך פערשטעה דעריבער, אז די לידער פון עזרא נוטמאן זענען ארויסגעגעבען געווארען אין א ביכעל, נישט צוליב זייער פאעטישען ווערט, נאר צוליב זייער טשיקאוועס, מען וויל אונז ווייזען א וואונדערליכע זאך, אז א יונגעל, וואס איז געבוירען געווארען און ערצויגען געווארען אין אמעריקא קען שרייבען לידער אויף יודיש.

ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען דעם פאעטישען ווערט פון די לידער, וואלט מען מיט זיי געקענט ווארטען. די יודישע ליטעראטור וואלט גע־האט געדולד צו ווארטען נאך עטליכע יאהר ביז עזרא נוטמאן וואלט געשריבען רייפערע לידער, אבער עס האנדעלט זיך, פיל מעהר וועגען א טשי־קאוועס, וואס א יודישער אמעריקאנער יונגעל קען שרייבען יודישע לידער און א טשיקאוועס האט קיין צייט נישט צו ווארטען.

און ווען עס עקזיסטירט אזא פסיכאלאגישע בעציהונג צו דער יודישער שפראך אפילו ביי די אמעריקאנער אויסגעשפראכענסטע יודישיסטען, טא ווי אזוי קען איינעם איינפאלען צו מאכען אפילו דעם מינדעסטען פערגלייך צווישען דעם יודישען בוך און דעם ענגלישען בוך אין אמעריקא?

און נאך עטוואס, ווען מען רעדט דא אין אמעריקא וועגען דעם יודישען בוך און וועגען זיין שלעכטען מזל, און ווען עס קומען זיך צונויף שריי־בער פון יודישע ביכער און די פריינד פון דעם יודישען בוך און האלטען זיך אן עצה, ווי אזוי דאס יודישע בוך אין אמעריקא קען געהאלפען ווערען, וואלט עס געווען אינטערעסאנט צו וויסען וועגען וועלכען יודישען בוך עס קלאגען די נביאים.

עס דרוקען זיך איצט אין אלגעמיין ווייניג יו־דישע ביכער אין אמעריקא. אבער דאס ביסעל, וואס דרוקט זיך און פערקויפט זיך אזוי שלעכט, בעשטעהט הויפטזעכליך פון בעלעטריסטיק און פאעזיע.

פאעזיע איז איצטער נישט קיין גאנגבארער ארטיקעל אין אלע שפראכען, אפילו דייטשלאנד, וואו פאעזיע איז אמאל געווען זעהר א גאנגבארע סחורה, האט איצט אויך ווייניג קויפער. בעלעטריס־טיק, איך מיין גוטע, נישט קיין שונד, האט שוין א בעסערען אפזאץ, אבער אויך גוטע בעלעטריסטיק ווערט אין אלגעמיין נישט אזוי פיל פערקויפט, ווי מען שטעלט זיך פאר, עס טרעפען זיך בלויז אויסנאהמען. עס כאפט זיך א־מאל אן בוך אדער צוויי, וואס האבען א גרויסען ערפאלג און פער־קויפען זיך אין א גרויסער צאהל.

אבער נישט דאס בין איך אויסען. איך וויל אנווייזען, אז אין אמעריקא האט מען אין אלגעמיין אפגעוועהנט דעם יודישען לעזער פון יודישען בוך. מען טראגט איהם פון צייט צו צייט אונטער אביסעל נייע יודישע בעלעטריסטיק, אביסעל נייע יודישע פאעזיע, אבער זעהר זעלטען א יודישען בוך פון סאציאלען, פאליטישען, פילאזאפישען אדער וויסענ־שאפטליכען אינהאלט.

אין אלע אנדערע שפראכען, איז בעלעטריסטיק און פאעזיע בלויז א טייל פון דער אלגעמיינער לי־טעראטור, דער פיל קלענער טייל, בעת אין אונ־זער אמעריקאנער יודישער ליטעראטור איז בעלעטריסטיק און פאעזיע געווארען נישט נאר דער עיקר נאר אליין.

א סך האבען ליב צו לייענען בעלעטריסטיק. אבער האבען נישט ליב צו קויפען קיין בעלעטריס־טיק. בעלעטריסטישע ביכער נעהמט מען געווענ־ליך צום לייענען פון די פאלקס־ביבליאטעקען, אדער פון פריוואטע ביבליאטעקען. און עס זענען טאקע נישטא א סך, וואס האבען ליב צו לייענען וויסענ־שאפטליכע ביכער, אבער ווער עס וויל זיי לייענען מוז זיי קויפען.

דארום ווערען איצט אין אמעריקא אזוי ווע־ניג וויסענשאפטליכע יודישע ביכער געדרוקט? איך נעהם זיך נישט אן צו ענטפערען אויף דער פראגע. איך גלויב, אז עס בעצאהלט זיך דא נישט צו שריי־בען יודישע וויסענשאפטליכע ביכער. מען דארף א סך און שווער ארבייטען אויף א וויסענשאפטליכען בוך. און עס זענען פערהאן גאנץ ווייניג, וואס הא־בען די קענטעניש און די פעהיגקייט אנצושרייבען א וויסענשאפטליכע בוך.

דורך דעם, וואס עס פעהלט דאס יודישע ווי־סענשאפטליכע בוך, ווערט דער יודישער לעזער אפגעוועהנט צו קויפען יודישע ביכער אין אלגע־מיין, ווי איך האב שוין דאס פריהער ערקלערט, און דערמיט מיין איך צו זאגען, אז אויב מ'וויל הויבען דעם פערקויף פון יודישען בוך אין אמערי־קא, דאן דארף מען זארגען, אז עס זאל געשאפען ווערען דאס ווייניגע יודישע בוך, וואס איז דער יסוד פון קויפען ביכער. און דאס איז דאס וויסענשאפט־ליכע בוך. און כדי עס זאל נישט געמאכט ווערען קיין טעות, וועל איך זאגען, אז דאס ווארט וויסענ־שאפטליך געברויך איך דא אין א גאנץ ברייטען זינן, איך מיין ביכער, פון וועלכע איינער קען האבען נישט בלויז פערגעניגען זיי צו לייענען, נאר קען אויך בערייכערען זיין וויסען.

און צוויי זאכען זענען נויטיג, אז דאס יודישע בוך זאל קענען פערקויפט ווערען: עס דארף קאס־טען ביליג און דארף גוט רעקלאמירט ווערען.

דאס טראגישע לעבען פון דעם גר צדק — פירשט ראדזיוויל

פון משה פיינקינד

דער פערביטערטער קאמף מיט דער קאטוי־לישער רעליגיע אין דער צייט פון דער רעפארמאציע האט גורם געווען, אז איינער פון דער העכסטער פויליש־ליטווישער אריסטאקראטיע, פירשט מארטשין ראדזיוויל זאל ווערען א יוד און אויסהאלטען דעם שמערצליכען נסיון אלס גר צדק אין קאטוילישען פוילען.

די רעפארמאציע־בעוועגונג, וואס האט זיך אויפגעקערט אין דייטשלאנד אין דער ערשטער העלפט פון 16־טען יאהרהונדערט, האט אויך אר־רומגענומען דאס קאטוילישע פוילען און פער־כאפט נישט בלויז די אזוי־גערופענע מיעשטשא־נעס, — נאר אויך א גרויסען טייל פון דער פוי־לישער אריסטאקראטיע און שליאכטע.

אונטער דעם מאנטעל פון הומאניזם האבען יענע קרייזען בעקעמפט די קאטוילישע קירכע, די גייסטליכקייט, אפזאגענדיג זיך גלייכצייטיג פון צאהלען דעם קירכען־שטייער א. א. וו. זיגמונט דער ערשטער, א פערביסענער קאטאליק, האט די דאזיגע אפטריניגע קאטאליקען שטארק פערפאלגט און אונטערגעדריקט נישט איבערקלייבענדיג אין די מיטלען.

אבער נישט זיגמונטס הרם־עדיקטען און נישט די גלחישע אינקוויזיציע זענען געווען ביכולת אויס־צוראטען און צו פערניכטען אין פוילען די רע־פארמאציע־בעוועגונג. א גרויסע צאהל פון די מאג־נאטישע קרייזען זענען איבערגעגאנגען צום לו־טעראנישען גלויבען, און א סך זענען נאר געווארען יודען, ווי די געלעגטע פרוי קאטארזשינא וויינגעל און איינער פון די דאזיגע גרים איז אויך געווען דער גר צדק מארטשין מיקאלאי ראדזיוויל, דער זוהן פון ליטווישען מאגנאט יאן מיקאלאי ראדזיוויל, פון נאוואגראדער וואיעוואדשאפט.

וועגען דעם דאזיגען גר־צדק איז שוין פער־האן א גאנצע ליטעראטור, געשריבען פון די פוי־לישע היסטאריקער ניעמצעוויטש, קאטשובעי און לעצטענס פון קאזשמירוש בארטאשעוויטש. („ראד־זיוויללאוויע" ווארשא 1927). יעדער פון זיי בעגר־לייכט ראדזיווילס איבערגאנג צום יודענטום אין ליכט פון זיין אויפפאסונג און שטעלונג צו דער יודישער אמונה און צום יודענטום בכלל.

לויט דער בעשרייבונג פון יענע היסטאריקער, איז מארטשין געבוירען געווארען אין יאהר 1705 און שטאמט פון דער אזוי־גערופענער „פעריהומ־טער משפחה" ראדזיוויל. זייענדיג אלט 13 יאהר, האט ער שוין בעזוכט אן אקאדעמיע אין אויס־לאנד, וואו ער האט געלערנט נאטורוויסענשאפט און מעדיצין. אין יאהר 1728 האט ער חתונה געהאט מיט וואצלאוו פאטאצקיס אן אייניקעל, וועל־כע איז געווען א קאשטעליאנקע אין קעניגליכען הויף. נאכ'ן טויט פון זיין פאטער (1730) האט מארטשין בעקומען בירושה די קלעצקער ארדי־נאציע און בעזעצענדיג זיך אין זיין גוט טשערניאוו־צע נעבען בריסק, האט ער ווייטער שטודירט מעד־ריצין און כעמיע. פיר יאהר שפעטער איז איהם געשטארבען די פרוי אין קראקא נאך א קימפעט, אין יאהר 1737 איז ער אויסגעוועהלט געווארען פון סלאנימער פאוואט אלס דעפוטאט אין ליט־ווישען טריבונאל און נאך דער חתונה מיט א צווי־טער פרוי האט ראדזיוויל זיך אנגעהויבען צו פער־טיפען אין דער רעליגיאנס־פילאזאפיע, וועגענדיג דערגרונטען דעם אמת פון די רעליגיעס, און נאך לאנגען שטודירען, פארשען און איבערלייגען זיך, האט ער בעשלאסען צו ווערען א יוד.

ער האט אנגעהויבען צו לערנען יודיש און העבראאיש, איינגעפיהרט אין זיין הויז יודישקייט, א כשר'ע קוך, כשר'ע מאכלים, אפגעהיטען שבת און יום־טוב, איינגעארדענט ביי זיך אין פאלאץ א מנין, אנגעטאן זיך שבת'דיגע מלבושים, א לאנגען כאלאט און געטראגען אן ארבע כנפות. מיט איין ווארט דער פירשט ראדזיוויל האט געלעבט ווי אן עכטער אפגעהיטענער יוד.

ער האט אויך צו ביסלעכווייז דערווייטערט פון זיין הויף די קריסטליכע דינערשאפט און בע־זעצט זייערע שטעלען מיט פרומע יודען, אפילו דער פערוואלטער פון הויף איז געווען א יוד, שמעון האט ער געהייסען.

צוליב זיין יודישקייט האבען די גלחים דעם יונגען פירשט שטארק געדרופ'ט, געמאכט אויף איהם בלבולים, אז ער פערפיהרט פרוי'ען א. ד. גל. דער גלח סמון פון בריסק האט כמו איהם מיט טעראר־מיטלען אויסגעפרעסט א סך געלד. ראד־זיוויל האט איהם דעריבער געלאזט בינדען און אוועקגעשיקט צום ביסקופ קיין ווילנע.

די משפחה ווידער, און הויפטזעכליך זיין ברו־דער היערנאנים, האט איהם ערקלערט פאר משוגע, ווילענדיג דערמיט ארייננקריגען זיין פערמעגען. היער־אנים האט אויך אנגעגעבן אן אנקלאגע אויפ'ן פירשט מארטשין צום סיים. דער סיים האט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם ענין. דער וואלקאוויס־קער דעפוטאט אלעזרסקי האט פערקלאגט דעם פירשט פארן סיים, אז ער האט אוועקגעגעבן זיינע גיטער די יודען, וועלכע אונטערדריקען און פער־יאגען די שליאכטע פון דער פאכט. דער ביסקופ זשערקאווסקי ווידער האט גערעדט וועגען די גע־וואלד־טאטען, וואס ער איז בעגאנגען געגען דעם גלח סמון.

דער סיים האט געשיקט א רעלעגאציע צום קעניג אויגוסט דעם 3־טען וועגען דעם דאזיגען ענין.

די דאזיגע רעלעגאציע האט זיך געווענדעט אויך וועגען פראטעקציע צו דער קעניגין מאריע יוזעפא. דער קעניג האט בעשטימט אן אפיטראפ־סית אויף די גיטער פון דעם אפטריניגען ראדזיוויל און די אפוטרופסים זענען געווען די ברידער יערושי און היערנאנים. ס'איז אויך בעשלאסען געווארען צו אינטערנירען מארטשינען אין שלאס אין ביאלע. דערפון האט ער זיך בעצייטענס דערוויסט און האט זיך גענרייט צו פערלאזען פוילען. אין דער וועלבער נאכט אבער איז איהם בעפאלען היערנאנים מיט צוויי הונדערט מאן אין טשערנאזשין און איהם פערבאסט. תחילה האט זיך מארטשין אקעגענגע־שטעלט געגען די אנפאלערס מיט געוועהר אין דער האנד, אבער איינזעהענדיג זיין שוואכקייט געגען אזא גרויסער איבערמאכט, האט ער געבעטען הדר מיט ביי זיין ברודער, צוזאגענדיג איהם, אז ער וועט שוין בעסער ווערען, זעלענדיג זיך פון זיינע העגער אויסקויפען מיט א גרויסער סומע געלד.

אבער ס'האט גארנישט געהאלפען, מען האט ביי איהם פערנומען א גרויס פערמעגען, געלד און קאסטבארקייטען און דאן געבונדענערהייט מארטשי־נען אפגעפיהרט קיין ביאלע אין א קארעטע. דעם הויף־פערוואלטער שמעון האט מען אויך גלייכ־צייטיג אוועקגעפיהרט אין א פערמאכטער קארעטע פערטרייבענדיג גלייכצייטיג פון הויף אלע יודישע דינער און באאמטע.

פון ביאלע איז פירשט מארטשין געווארען איבערגעפיהרט קיין סלוצק. וואו מ'האט איהם גע־האלטען אונטער א שטרענגער אויפזיכט. אבער אין דער סלוצקער תפיסה האלט פירשט ראדזיוויל ווייטער יודישקייט, ער עסט נישט קיין טריפות, ער האט'ענט אן טלית און תפילין, שטעהענדיג אין נאהענטען קאנטאקט מיט די דאזיגע יודען.

היערנאנים טוט אן זיין ברודער געבערענטע צרות און עינויים אין דער תפיסה און דערוויסענדיג זיך, אז דער סלוצקער רב שטעהט מיט זיין ברודער אין נאהענטער בעציהונג אין ענין יודישקייט, האט היערנאנים זיך משתדל געווען ביים סלוצקער גובער־נאטאר קענינסען, אז ער זאל דעם רב צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה ארויסשיקען פון דער שטאט און זיי אינטערנירען אין דער תפיסה אין ביאלע. דער גובערנאטאר אבער האט איהם אפגע־זאגט די דאזיגע בקשה און געלאזט דעם סלוצקער רב צו רוה.

אזוי האט היערנאנים געלאזט מוטשען זיין ברו־דער מארטשין אין דער סלוצקער תפיסה גאנצע 12 יאהר כסדר ביז היערנאנים איז געשטארבען (1760). די איבריגע ברידער, זיינע פלומרשט אפוטרופסים, זענען נאך פריהער געשטארבען. איצט ווענדעט זיך מארטשין ראדזיוויל מיט א בקשה צום פוילישען קעניג סטאניסלאוו אויגוסט, אז ער זאל איהם בעפרייען פון דער תפיסה, צוזאגענדיג איהם, אז ער וועט טאן תשובה און ווערען צוריק א קריסט. זיין גזר־דין איז אבער שוין געווען צו ענדיגען זיין מארטירער־לעבען אין דער תפיסה (1781).

צי מארטשין ראדזיוויל האט זיך מגייר געווען לויט'ן יודישען דין איז נישט בעוואוסט, מען ווייסט נאר, אז ביז צום סוף פון זיין לעבען, האט ער געלעבט אלס יוד און געהאלטען זיך ביי דער יודי־שער אמונה.

ער האט איבערגעלאזט פיר זיהן, וועלכע האבען אויך בעטראכט זייער פאטער פאר משוגע, און די אור־אייניקלעך פון זיין זוהן מיכאל וואוינען נאך ביז היינט אין ניעושוויעז, וואו מארטשין זאל אויך זיין געקומען צו קבורה אין פאמיליען־מאוזא־לעאום. —

ווי איז דער גולם בעשאפען געווארען

(פון דער סעריע „אויף די טריט פון פראגער גולם")

כ' אדר שנה הר"ץ ווערט 350 יאהר, זינט דער גולם איז בעשאפען געווארען. יאס בעדייט 350 יאהר אין דער געשיכטע פון אן אורזאלטען פאלק. פון ישראל סבא? און האך וויפיל וואונדערבארע אגדות שוועבען ארום דער לעגענדארישער געשטאלט פון פראגער הערל, און וויפיל נייע מעשה'לעך, וועבען זיך נאך עד־היום ארום דעם ליימענעם געשטאלט פון פראגער גולם!

קיין שום פאלקס־אגדה האט נישט דערגרייכט אזא מין פאפולאריטעט, ווי די גולם־לעגענדע. דער פראגער גולם האט בעגייסטערט א גאנצע רייה ערשטקלאסיגע קינסטלער, מוזיקער, טעאטראלען, ליטעראטען.... אין משך פון גאר א קורצער צייט איז אויסגעוואקסען א גאנצע ליטעראטור ארום דעם פראגער גולם. די טויערען פון היכל פון קונסט האבען זיך ברייט פונאנדערגעעפענט פאר יאסעלע גולם. מען האט דעם גולם ארויפגעפיהרט אויף דער בימה פון די שענסטע און בעסטע מא־דערנע טעאטערן און אפערעס. די פאפולאריטעט פון גולם איז אוועק אויף אזוי הויט, אז זי האט אינגאנצען אפגעווישט די גרעניצען צווישען נאציעס און פעלקער, רעליגיעס און גלויבענס, א.א.וו, און אונטערשיד, האבען זיך מיט דער זעלבער זשערנער נייגעריגקייט פעראינטערעסירט מיט דער מעשה פון ליימענעם גולם.

צי קען א צווייטע יודישע פאלקס־לעגענדע פרעטענדירען אויף אזא מין פאפולאריטעט אויף אזא מין גדולה און כבוד ווי דער גולם!? מיר וועלען דא פרובען בקיצור איבערגעבען די גאנצע מעשה. ווי אזוי דער מהר"ל האט בעשאפען דעם גולם.

הגם דער עפענטליכער וויכוח פון מהר"ל מיט די 300 קאטוילישע גלחים האט זיך פערענדיגט מיט א גלענצענדען נצחון פון פראגער גאון, האט זיך דאך איינגעפונען איין פאנאטישער גלח מיט'ן נאמען טארעאוס, וועלכער האט נישט געקאנט רוהען. דער מיאוסער דורכפאל פון זיינע 300 קאטוילישע פריינד האט איהם נאך מעהר אויפגערייצט און מיט א נאך גרעסערער דופה און ווילדקייט האט ער גענומען שמידען פלענער, ווי אזוי אפצושמדן יו־דישע קינדער און ווי אזוי צו ארגאניזירען בלוט־בלבולים.

דער מהר"ל האט שטארק מורא געהאט פאר זיין כנגד, פאר'ן גלח טארעאוס, ווי די פאלקס־לע־גענדע דערצעהלט, האט ער עס שפעטער אויך מגלה געווען זיינע תלמידים, די סיבה פון מהר"ל'ס שרעק דערקלערט זיך דערמיט. וואס אין גלח'ס נשמה האט זיך איינגעפונען א ניצוץ פון דעם פלישתי „ישבי בנב", וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין תנ"ך, אז ווען נישט אבישי בן צרויה וואלט ער דערהרג'עט דוד'ן (שמואל ב' כ"א, 16—17). אין דער נשמה פון מהר"ל האט זיך געפונען א פונק פון דוד המלך. און אזוי ווי דוד האט אליין נישט געקענט בעזיגען יענעם פלישתי, אזוי וועט איהם, רעב מהר"ל, נישט לייכט אנקומען צו בעזיגען דעם גלח, מחמת דעם, האט זיך דער מהר"ל שטארק געשראקען.

בשעת דער געפאהר פון טארעאוסעס מעשים האט זיך גענומען שטארק פיהלען, מאכט דער מהר"ל א שאלת חלום אין די הימלען, פון די הויכע הימלען נידערט אראפ אן ענטפער פון 10 ווערטער לויט'ן יודישען אלף־בית: „אתה בורא גולם דבק החומר ותגזר זרים חבל טירפי ישראל" — דו בעדארפסט א גולם געקלעפט פון ליים און זאלסט אויף איהם גוזר זיין ער זאל אויסראטען די גאנצע באנדע יודען־פרעסער".

דער מהר"ל, ווערט דערצעהלט, האט תיכף דערפיהלט, אז אין די גמטריות פון די 10 אותיות ליגען בעהאלטען הארבע כוחות פון קבלה און, אז מיט זייער כח קען מען בעשאפען א גולם. און נישט פערלירענדיג קיין איבעריגע צייט, האט דער פראגער גאון זיך גלייך גענומען צו דער מלאכה. ער האט באלד איבערגעגעבען דעם סוד זיין איידים, ר' יצחק בן שמעון הכהן און זיין תלמיד ר' יעקב בן חיים ששון הלוי. ער האט דערביי זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז זיי מוזען איהם אומבעדינגט העלפען, מחמת כדי צו בעשאפען א גולם זענען נויטיג פיר עלעמענטען: פייער, וואסער, לופט און ערד (אש, מים, רוח, עפר). דער איידים יצחק איז געבוירען געווארען אין מזל פון פייער, ר' עדתלמיד יעקב — אין מזל פון וואסער און דער מהר"ל גופא — אין מזל פון לופט.

אין יאהר 1580 (5340) כ' אדר האבען אלע דריי זיך טובל געווען אין מקוה מיט גרויס כוונה און זענען דערנאך, א זייגער פיר פארטאג, אוועק הינטערן שטאט. זיי האבען זיך אפגעשטעלט אויפ'ן ליימענעם ברעג פון טייך מאלדווי, אויסגעקנאטען פון קלעפיגען ליים א מענשליכע געשטאלט פון דריי איילען די לענג, א ליימענע געשטאלט בצורת אדם מיט הענד און פיס. מיט'ן פנים צום הימעל האבען זיי איהם אויסגעצויגען אויפ'ן ברעג פון טייך און אליין האבען זיי זיך געשטעלט ביי איהם צו־פוסענס. דער מהר"ל האט געהייסען זיין איידים ארומגעהן 7 מאל, פון רעכטס אויף לינקס, ארום דער ליימענער געשטאלט, דערמאהנענדיג דערביי די געהיימע גמטריות פון אותיות, וועלכע דער מהר"ל אליין האט איהם פערטרויט, נאך די 7 הקפות פון ר' יצחק בן שמשון הכהן איז דער ליימענער קערפער געווארען רויט, ווי פייער.

דערנאך האט מהר"ל געהייסען זיין תל־מיד דעם לוי טון דאס זעלבע. אבער די 7 הקפות זענען דאסמאל געפראוועט געווארען פון לינקס אויף רעכטס און דערביי זע־ען דערמאהנט געווארען די גמטריות פון אנדערע אותיות. דער פייער פון ליימענעם קערפער האט זיך גלייך אויסגעלאשען און א געדיכטע פארע האט איהם אינגאנצען פער־הילט.

בילעכווייז האט זיך די פארע צושטרייט, און שפעטער פערשוואונדען ווי א רויך, איבערלאזענדיג אויפ'ן ארט פון ליימענעם געשטאלט א טויטע, מענשליכע בעשעפעניש, בעוואקסען מיט האר און נעגעל. ערשט איצטער האט דער מהר"ל אליין מיט גרויס כוונה געמאכט זיבען הקפות און אריינגע־לייגט אין מויל פון טויטען נפש א שטיקעל פארמעט מיט'ן נאמען פון שם המפורש, בויגענדיג זיך צו מזרח, מערב, דרום און צפון האבען אלע דריי צו־זאמען געזאגט מיט געהיימע כוונות דעם פסוק: „ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה"

(בראשית ב' 7) — און ער האט אריינגעבלאזען אין זיינע נאזלעכער א גייסט פון לעבען און דער מענש איז געווארען א לעבעדיגע בעשעפעניש, א אויס־געצויגען און בלאטיגען ליים האט דער גולם פלוצ־לונג געעפענט צוויי פערוואונדערטע, קלעבערגע אויר גען. דער מהר"ל האט א געשריי געטון: „עמוד על רגליך!" (שטעל זיך אויף דיינע פיס!) און דער גולם האט געפאלגט.

דער גולם איז אבער געשטאנען פאר זיינע בא־שעפער מוטער־נאקעט; זיי האבען איהם אנגעטון אין מלבושים פון א שמש, וואס זיי האבען געהאט מיט זיך מיטגענומען איידער זיי האבען זיך געלאזען צו די ברעגען פון דעם טייך מאלדווי. דער גולם האט בעקומען אן אויסזעהן פון א לעבעדיגען מענ־שען, איז געווארען א מענש מיט לייטען גלייך; ער האט אבער פערמאגט איין פעהלער; דער מוח זיינער איז בעשטאנען אין דעם, וואס עס האט איהם געפעהלט דער כח הדיבור. און מען מוז צו־געבען, אז דאס, וואס ער איז בעשאפען געווארען אהן לשון, איז געווען א גרויסע מעלה, ווייל איין גאט אין הימעל ווייס, וואס עס זאלט געקענט גע־שעהן, ווען דער גולם וואלט נאך אלעמען גערעדט, א רעדנער!

4 א זייגער אינדערפריה האבען דריי מענשען אנגעהויבען מאכען דעם גולם און א זייגער 6 זע־נען שוין געגאנגען א היים פיר מענשען.

דער מהר"ל האט דעם גולם א נאמען געגעבען: יוסף, צוליב דעם טעם, ווייל די נשמה, וועלכע ער האט אין איהם אריינגעבלאזען, איז געווען דער גייסט פון יוסף שידא, וועלכער איז געווען האלב־מענש און האלב שד און איז אויסגענוצט געווארען פון די חכמי התלמוד אויף ארויסצוהעלפען יודען פון צרות.

אומקעהרענדיג זיך צוריק א היים האט דער מהר"ל געהערגיג זיך געווענדעט צום גולם מיט פאלגענדע ווערטער: „זאלסט וויסען זיין, אז מיר האבען דיך בעשאפען אויף צו פערהיטען יודען פון צרות; דו וועסט הייסען יוסף און וועסט זיין ביי מיר א שמש אין בית־דין־שטובל; דו זאלסט מיר פאלגען און אויספיהרען פינקטליך אלץ, וואס איך וועל דיר הייסען; אפילו אין פייער און וואסער זאלסטו אריינשפרינגען; אפילו פון דאך זאלסטו אר־אפשפרינגען, אויב איך וועל דיר נאר הייסען".

אינדערהיים פאר זיינע איינגע שכנים האט דער מהר"ל דערצעהלט, אז ער האט אנגעטראפען אין גאס א שטומען אריסאן, א חמ'עוואטען מענ־שען, האט ער אויף איהם רחמנות געהאט און איהם גענומען צו זיך א היים, כדי ער זאל בייהילפיג זיין די שמשים פון בית־דין־שטיבעל.

דער מהר"ל האט שטרענג פערווערט אלע שטוביגע מענשען זיך מיט איהם מיט עפעס וואס צו שאפען. אזוי איז דער גולם געזעסען שטענדיג אין רב'ס בית־דין־שטיבעל, שטיל אין א ווינקעלע, מיט ביידע הענט אונטערגעשפארט אונטערן קאפ, טאקע, ווי א גולם.

די פראגער תושבים האבען איהם גערופען „יאס־כעלע גולם" אדער „שטומער יאסעל".

י. מילער

נאר איין מענש איז לעבען געבליבען פון גאנצען שטעטעל

דאס שטעטעל איז אומגעקומען פון א וואולקאן־אויסברוך

אויף דעם אינזעל מארטיניק איז מען אומרו־היג, שוין וואכען און וואכען ווי דער וואולקאן מאנט פעלע אטעמט מיט הייסע און גיפטיגע גאזען. פון צייט צו צייט שיסט ער פון זיך ארויס א וואל־קען פון זעהר דינעם און הייסען שטויב. פון צייט צו צייט הערט זיך פון אונטער דער ערד א ווייטער און טעמפער גערויש, ווי שווערע שטיינער זאלען זיך האקען קייקלען; און פון צייט צו צייט גיט די ערד א לייכטען ציטער.

ערשט מיט א פאר טעג צוריק איז ד"ר קאר־נעס, א געוועזענער בעאמטער פון עליס־איילאנד, געפלויגען מיט אן אעראפלאן 5000 פוס הויך אי־בער דעם אינזעל מארטיניק, און ער דערצעהלט, אז ער האט געזעהן דעם וואלקען פון דינעם שטויב, וואס רייסט זיך פון דעם וואולקאן, און געשפירט דעם גערוך פון שוועבעל. וואס די גיפטיגע גאזען טראגען מיט זיך. די בעפעלקערונג פון די ארומ־מיגע שטעט און דערפער איז זיך צולאכע, און די פלאנטאציעס ארום דעם בארג זענען פערלאזען. מען האט מורא פאר א ווידערהאלונג פון דער קאטאס־טראפע, וואס איז דארטען פארגעקומען אין 1902.

מארטיניק איז איינער פון די צעהנדליגער אינזלען, וואס זענען צעזארפען איבער דעם קא־ריבישען ים צווישען נארד און זיד־אמעריקא. דער אינזעל איז א פראנצויזישע קאלאניע, און פאריז האט דארטען איהר פארשטעהער. דער אינזעל איז א קליינער; פערנעהמט א שטח פון ארום 385 קוואדראט מייל, א בעפעלקערונג פערמאגט דער אינזעל פון ארום א פירטעל מיליאן נפשות, הויפט־זעכליך נעגערס און מולאטען מיט א שוואכער אי־בערבלייבעניש פון די אמאליגע ארטיגע אינדיאנער. ווייסע זענען דארטען אויך פערהאן, דאס זענען די פראנצויזישע האנדעלס־קאמפאניעס. דער קלימאט איז דארטען א געווינטער און די ערד איז א פרוכט־בארע, און די בעפעלקערונג ציהט איהר חיונה פון די פלאנטאציעס פון קאווע, טאבאק, צוקער־רויהר, קאקא און באנאנען.

די בעדינגונגען צו מאכען א לעבען זענען דארט־טען זעהר גינסטיגע; אבער איבער די קעפ פון די איינוואוינער, ווי אן אנגעבלויזטע שווערד אויף א דין שטריקעל, הענגט א שטענדיגע לעבענס־געפאהר די געפאהר קומט פון דעם וואולקאן מאנט־פעלע, וואס שטעהט ביים ברעג פון אינזעל.

פאר די לעצטע פיר הונדערט יאהר, זענען גרעסערע אויסברוכען פון דעם וואולקאן פארגעקו־מען בלויז דריי מאל: אין 1762, אין 1851 און אין 1902. דער לעצטער אויסברוך פון דעם וואולקאן איז געווען א שרעקליכע קאטאסטראפע.

אנגעהויבען האט עס זיך אין די לעצטע טעג פון אפריל. דער בארג האט אנגעהויבען אטעמען מיט הייסע גאזען און ארויסשליידערען וואלקענס מיט דינעם און הייסען שטויב. פון צייט צו צייט האט די ערד געציטערט. אין די זייטען פון בארג, נעהנטער צו זיין שפיץ, האבען זיך בעוויזען נייע עפענונגען, וואס האבען געאטעמט מיט הייסע און גיפטיגע גאזען.

א דריי מייל פון דעם פוס פון בארג איז געווען די האפט־שטאט, כאן פיער, די בעפעלקערונג פון דער שטאט איז געווארען אומרוהיג. א פראנ־צויזישער געלערנטער, וואס האט זיך דאן געפונען אין סאן־פיער, האט וועגען דעם צושטאנד פון וואול־קאן בעריכטעט קיין פאריז און צווישען אנדערעס, געשריבען, אז ווען זיין בעריכט וועט געלעזען ווער־רען, וועט ער מעגליך שוין נישט זיין צווישען די לעבעדיגע, און אזוי איז עס טאקע געווען....

דעם 8־טען מאי אין דער פריה איז געווען די קאטאסטראפע, פון די נייע עפענונגען פון בארג, וואס האבען זיך בעוויזען אונטער זיין שפיץ, האט זיך מיט אמאל ארויסגעשטופט א מאסע פון הייסע און גיפטיגע גאזען אנגעפילט מיט א זעהר דינעם צוגליהטען שטויב. עס ווערט געשאצט, אז די טעמ־פעראטור פון דעם גאז איז געווען איבער פערצעהן הונדערט גראד פארענהייט: און דאס איז א היץ, וואס קען צושמעלצען זייכערע סארטען גלאז, און די גאנצע מאסע פון צוהיצטע און גיפטיגע גאזען, האט זיך מיט אמאל א לאז געטון אויף סאן־פיער, — די שטאט, וואס האט דאן געהאט א בעפעלקערונג פון ארום דרייסיג טויזענד איינוואוי־נער. און אין א משך פון עטליכע מינוט צייט איז די גאנצע בעפעלקערונג פון שטאט אומגעקומען, געבליבען איז נאר איין־איינציגער מאן, און דאס איז געווען א יונגער נעגער, א פערברעכער, ער איז געווען איינגעשפארט אין אן ענגע און נידע־ריגע תפיסה, מעהר ווי א העלפט איינגעגראבען אין דער ערד. און אזוי פערקלאפט זענען די טיר האבען אהין נישט אריינגעדרונגען, און ער איז און דאס איינציגע פענסטער געווען, אז די גאזען געבליבען לעבען.

יענער איינער, וועמען די גאזען האבען נאר אנגעריהרט, איז מאמענטאל געפאלען טויט אויפ'ן ארט. און באלד נאך דעם איז ער האלב פערברענט געווארען פון דער גרויסער היץ. פון דער זעלבער היץ האט א פייער אויסגעבראכען און די גאנצע שטאט איז אפגעברענט געווארען, אין האפען האבען זיך דאן געפונען א צאהל שיפען, און אלע מענשען, וואס האבען זיך אויף זיי געפונען, זענען אומגע־קומען אין עטליכע מינוט צייט. נאר איין שיף, וואס האט זיך געהאט מיט עטליכע מינוט פריהער גערירט פון ארט, איז אנטלאפען גאנצערהייט.

די גאזען, וואס האבען זיך פערשפרייט פון דעם וואולקאן, האבען זיך געטראגען אין א בעשטימ־טען פאס מיט בעשטימטע גרעניצען פון ביידע זייטען; און די מענשען, וואס האבען זיך צופעליג דאן גע־פונען אויסער אט דעם אלץ פערניכטענדען פאס, האבען פון דערווייטענס צוגעזעהן די קאטאסטרא־פע. זיי זענען אבער געווען הילפלאז און מאכטלאז נעגען די כוחות פון דער נאטור.

עס איז נישט וואהרשיינליך, אז די קאטאס־טראפע פון 1902 זאל זיך איצטער דארט ווידער־האלען. ערשטענס, אטעמט דער בארג מיט זיינע גאזען שוין עטליכע חדשים צייט, און א גרויסע מאס פון דער ענערגיע, וואס האט זיך אין איהם אנגעזא־מעלט, איז שוין אויסגעשאכען געווארען; און, צווייטענס, האט די בעפעלקערונג אנגענומען בעצייטענס מיטלען און איז זיך פונאנדערגעלאפען פון די מעה רגעפעהרליכע ערטער. אבער די קאטאסטרא־פע פון מיט אכט־און־צוואנציג יאהר צוריק ליגט נאך אין זכרון פון א גרויסען טייל פון דער בעפעל־קערונג, און דערפאר איז מען אומרוהיג, בפרט נאך וואס אט דער וואולקאן, וואס איז איינער פון זיין מין אויף דער ערד, האט זיך זיינע קאפריזען, וועלכע מען קען נישט פאראויסזעהן. און פון די אלע אנדערע וואולקאנען אויף דער ערד אונטער־שיידט זי מאנט־פעלע דערמיט, וואס ער ברעכט נישט אויס מיט צושמאלצענע לאווא, נאר מיט הייסע און גיפטיגע גאזען און צוגליהטען דינעם שטויב.

ל. ב—ן.

גוראליעס \ י. ה. ראדאשיצקי

האבען זיך גוראליעס *)
פריהלינג־צייט גענומען גרייטען,
מיט די פייפערלעך ווי פלייטען,
מיט קלימפערלעך און לאשעקלעך,
מיט די ווייסע קאשיקלעך,
מיט קלינגערלעך און קלאפערלע־
און מיט די מייזעך־כאפערלעך
פון זילבער – דראהט געפלאכטען.
געריסען זיך אין וועג אריין
ווי שוואלבען רייסען זיך
פונאנדערטראגען פריהלינגדיגע גריסען
צו די טאלען, פריהלינג.
פריהלינג:
האבען זיך גוראליעס אויסגעצירט
און לאנגע קליידער, פראסטע
בעניית מיט בלויע בלימעלעך, פרישע
ווי פון קארן ערשט ארויסגעשניטען
האבען זיך גוראליעס לוסטיגע צופיפען
ווי יונגע קאוואליערען,
ווי פייגעל האלטען זיך צעטריל'ערט אין דער לופטען
האבען זיך גוראליעס פון די בערג אראפגעלאזט
מוטיג און צופרידען —
איבער שטעטלעך יודישע פרנסה זוכען
צווישען יודען.

גוראליעס, גוראליעס,
מיט ליכטיגע אויגען
האבען זיך איבער
די טראקטען געצויגען,
געטראטען די שטויבען
פון פוילישע וועגען,
געטראגען דעם פריהלינג
די מענשען אנטקעגען,
געפיפען אויף פייפלעך
און לוסטיג גערופען:
— גאַ־קי דרוטאוואטש!
די זון האט פון הימעל
געגאסען מיט שטראהלען
די שטיינדלעך געפינקעלט,
געגליהט ווי אפאלען,
די פיימער צעגרינט זיך
אין קרוינען גירלאנדעס,
צובליהט האט דער בעז זיך,
געשמעקט מיט ארלאנדעס,
און איבער די כאטעס
האט ליכטיג געקלונגען,
דער צוויטער פון שוואלבען,
און פריילעך געזונגען
א גוראל זיין לידעל:
— גאַ־קי דרוטאוואטש!

און ווען עס איז דער אוונט אנגעקומען,
האט דער גוראל זיך
צו דער פייף גענומען,
געגרויכערט און געפאפט,
די קנוילען רויך צובלאזען,
גערוהט זיך אויף א שטיין
איינזאם און פערלאזען,
מיד, זיך אפצורוהען,
גערוהט און געחלומ'ט
שעהן נאך שעהן: —
געחלומ'ט פון זיין נעסט
צווישען בערג הארט אויבען....
פערגעסען אין די פייפלעך
פונ'ם ווינד, בעוואוינען
און די מייזען – כאפערס
געפלאכטען און געשליפען:
געוועסען ווי א נעץ
פון קופער אויסגעגאסען.
פון לעצטען אוונט – רויט
בעלויכטען און בעגאסען,
געהאלטען אך איין בלאזען רויך,
פייפען, פאפען,
גערוהט שטיל, געחלומ'ט שטיל —
און בלויז שטיל איינגעשלאפען
אלע זיינע טרוימען.
שטיל ווי זיינע כאפערלעך
וואס הענגען אויף איהם שטיל
און טרוימען שטיל.
א מייזעל ווי צו כאפען.

זאל זיך? / ערצעהלונג

— פון —

יצחק בלום

ווען האראַ איז אריבערגעקומען קיין אמעריקא, איז זי אלט געווען אכצען יאהר. זי איז געווען שעהן, זעהר שעהן, פול מיט נאטירליכען רייץ און חן. די לאנדסלייט, וועלכע זענען איהר געקומען זעהן, האבען זיך נישט געקענט זאַט אנקוקען פון איהר שעהנקייט און זיי האבען זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערען, וואס זי, אן אָרים קינד, וואס האט זיך ערצויגען ביי ארימע עלטערן און געליטען אזוי פיל נויט, איז אויסגעוואקסען אזא שעהן מיידעל, וואס אפילו די רייכע טעכטער מעגען איהר מקנא זיין.

— הפנים ס'איז די היימישע לופט — האבען די לאנדסלייט בעמערקט.

און איהר פריהעראטע שוועסטער, וועלכע האט זי אריבערגענומען קיין אמעריקא, האט לאנג נישט געווארט און טאקע גלייך זארגפעלטיג איהר גע'עצה'ט:

— פונדעסטוועגען, שוועסטער, אז עס וועט זיך דיר מאכען עפעס א גוטער שידוך, זאלסטו לאנג נישט טראכטען און חתונה האבען.

— וואס האב איך זיך אזוי צו איילען? — האט איהר די „גרינע" שמייכלענדיג אנגעקוקט.

— עס וועט פאר דיר זיין א סך געזונדטער, ווען דו וועסט פערשפארען צו געהן ארבייטען — האט איהר די שוועסטער פיל־בעדייטענד געענטפערט. — אויב דו געדענקסט, בין איך אויך נישט געווען קיין מיאוס מיידעל, כ'האב אבער אוועקגעלייגט צופיל כוחות דא ביי דער ארבייט, נו, איז מיר טאקע איצט נישט צו דערקענען.

האַראַ האט אויף איהר געווארפען א זייטיגען בליק, זיך געפרובט דערמאהנען ווי איהר שוועסטער האט אויסגעזעהן אין דער היים, איידער זי איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, און אין געדאנק פערגליכען איהר דעמאלסטיגען אויסזעהן מיט היינטיגען און ס'איז איהר אויס דורכגעלאפען א שוי־דער, אזוי פערענדערט איז זי געווארען. זי האט עס פון אנפאנג אזוי פיל נישט בעמערקט.

זי האט זיך אבער געמאכט האַרין און גע'ענטפערט:

— וואס הייסט, איך זאל הייראטען נאר דער־פאר איך זאל נישט דארפען ארבייטען? און אין דער היים בין איך דען געזעסען ליידיג? איך האב אין דער היים אויך געארבייט גענוג שווער, פונ־דעסטוועגען, ווי דו זעהסט, האט מיר די ארבייט נישט געשאדט.

— אין דער היים, שוועסטער, איז עפעס אנדערש. פערשטעהסט? ווי די לאנדסלייט זאגען: „די היימישע לופט". די ארבייט אין דער היים פאלט נישט אזוי שווער, ציהט נישט ארויס אזוי פיל כוחות. בכלל, פערשטעהסטו מיך, אויף אנ'ארט, מען לויפט נישט, מען פאהרט נישט, און מען שטיקט זיך נישט. דא אבער צוקוועטשט מען דיך. דו ווייסט נאך נישט, וואס דאס איז אזעלכעס, אבער ווארט, דו וועסט באלד פערזוכען דעם טעם דערפון.

— אבער פערקויפען זיך צו א מאן, נאר דער־פאר, ווייל איך וועל האבען אפצוזעצען, דאס איז שוין א גוטער טעם? — האט די „גרינע" נישט זיכער געפרובט אפשלאגען דער שוועסטערס טענות.

— ביטע, דאך, שוועסטער לעבען, זאלסטו מיר מוחל זיין, א נאַרעלע! ווער רעדט דאן פון פערקויפען זיך? חתונה האבען, מיין איך, וועסטו דאך סיי־ווי־סיי, פריהער אדער שפעטער, איז גלייכער, אז דו זאלסט עס טון איצט, כל זמן דו ביזט נאך יונג און שעהן מיט רויטע בעקעלעך און בלישצענדע אויגעלעך. שפעטער, ווען די ארבייט וועט פון דיר ארויסציהען די היימישע כוחות, און אויס־בלייכען דיין שעהן פנימ'ל, וועלען זיך די יונגעלייט אין דיר נישט אנכאפען.

— נו, האסטו אפשר אנגעגרייט עפעס א גוטען שידוך פאר מיר? — האט האַראַ כלומרשט געפרעגט אין שפאס און ס'איז געווען קענטיג, אז איהר שוועסטערס רייד האבען אויף איהר גע־מאכט א שטארקען איינדרוק.

— כ'רעכען, אז יא, — האט די שוועסטער געענטפערט צופרידען — צו אונז אין הויז קומט אפט אריין א יונגערמאן, רושיק, רופט מען איהם. א הארעפּאשניק א יונג, ארבייט שטענדיג און פער־דינט גוטע געלד, אנ'ערליכער, מיט א גוטען כא־ראקטער, א ווייב וועט ביי איהם האבען א גוטע וועלט.

— פון וואנען ביזטו דאס אזוי זיכער, אז ער וועט מיט מיר חתונה האבען? אפשר וועל איך איהם גאר נישט געפעלען? קארג שעהנע מיידלעך זענען דא אין אמעריקא, וואס דארף ער הייראטען מיט מיר, א גרינע?

— וועגען דעם, צי דו וועסט איהם געפעלען, בעדארפסטו נישט זארגען. ער האט געזעהען דיין „פאטאגראף" און דו ביזט איהם זעהר געפעלען און איך בין זיכער, אז ווען ער וועט דיר זעהן, וועסטו איהם נאך מעהר געפעלען, און הייראטען וויל ער דוקא א היימיש מיידעל. א היימיש מייד־על, זאגט ער, יאגט זיך נישט נאך לעבען א טאג, וואס ער דארף. זאגט ער, איז א גוטע בעלעבאסטע אין הויז, וואס זאל זיין איבערגעגעבען צו דער היים, צום מאן און צו די קינדער... און ווי געפעלט דיר אזא יונגערמאן? — האט די שוועס־טער פערענדיגט אין אביסעל א גאוה'דיגען טאן, ווי זי וואלט זיך געגרויסט מיט דעם, וואס זי האט איהר פערזארגט מיט אזא „גילדערנעם" שידוך נאך איידער זי איז אהער געקומען.

— כ'ווייס, לאמיר איהם פריהער קענען. — האט האַראַ געענטפערט אנ'אנגעשראקענע און נאך אמאל געווארפען א בעהאלטענעם בליק אויף איהר שוועסטערס אנ'געבלייכטען און צערונצעלטען פנים.

אכט יאהר זענען אוועק זייט זי האט געהיי־ראט מיט רושייקן.

אויסגעלאזען האט זיך טאקע ווי איהר שוועס־טער האט איהר אין פאר'ויס געזאגט. רושייק איז געווען א גוטער, א געטרייער מאן, ביי וועמען עס איז נישט שווער געווען קיין ארבייט, אבי איהר, זיין פרוי, זאל גארנישט פעהלען.

און ס'האט איהר טאקע גארנישט געפעהלט, זי האט געהאט א שעהנע היים, צוויי שעהנע קינ־דער, א גוטען מאן, און זי איז פערבליבען יונג. קיין כאפ־ארבייט האט פון איהר די כוחות נישט ארויסגעצויגען.

זי האט איצט אויסגעזעהן נאך א סך שעה־נער, רייפער און געזונדטער. איהר יונגער, ענטוויקעלטער קערפער, האט געשפראצט מיט יונגען, מוטערליכען חן, אזוי, אז נישט איין מאן האט זיך אפגעשטעלט אויף איהר קוקען און בעוואונ־דערען איהר שעהנקייט.

א לענגערע צייט נאך איהר חתונה האט זי געשאנקען ווייניג אויפמערקזאמקייט צו דער נישט גלייכגילטיגקייט פון די מענער צו איהר. זי האט קיין צייט נישט געהאט וועגען דעם זיך צו בע־טראכטען. זי איז שטענדיג געווען פערטאן, פער־נומען, מיט'ן הויז, מיט די קינדער, אפגעהיט, אז אלץ זאל זיין אין ארדנונג: דאס עסען צו דער צייט, און אין דער ריינקייט אין הויז האט מען זיך גע־קענט שפיגלען. אלץ איז ביי איהר געווען אזא נייעס, זי איז דאך אריינגעפאלען אט אין דעם נייעם לע־בען אזוי פלוצלונג, נאך איידער זי האט צייט גע־האט זיך רעכט ארומצוקוקען.

איצט, ווען איהרע ביידע קינדער זענען שוין געגאנגען אין שול, און זי איז מעהר נישט געווען אזוי פיל פערנומען, האט זי זיך אנגעהויבען מעהר אפצוגעבען מיט זיך, אריינקוקען אפטער אין שפּי־געל, און צו איהר פרייד בעמערקט, אז זי איז טאקע שעהן, דאכט זיך נאך שעהנער ווי אמאל אלס מיידעל, און ס'האט איהר געוואונדערט פער־וואס זי האט די גאנצע צייט זיך אפילו רעכט נישט אנגעקוקט צו זעהן, וואס פאר א פנים זי האט.

זי האט זיך איצט געכאפט פארוואס מענער שטעלען זיך אפ קוקען אויף איהר און ס'איז ביי איהר איצט אויסגעקומען גאנץ נאטירליך, אז זיי זאלען בעוואונדערען אזא שעהנע פרוי ווי זי איז און ס'איז איהר געווען אנגענעהם וועגען דעם צו טראכטען.

זי האט זיך ארומגעזעהן, אז די קליידער, וואס זי טראָגט, הארמאנירען נישט גענוג מיט איהר אויסזעהן... און זי האט זיך אנגעהויבען שעהנער און מיט מעהר געשמאק צו קליידען. זי האט אין אל־געמיין זיך אנגעהויבען בעסער צוצוקוקען צו איהר לעבען און צו אלץ וואס רינגעלט איהר ארום; אפילו צו איהר אייגענעם מאן...

זי האט מיט אמאל אויסגעפונען, אז זי איז גארנישט אזא גליקליכע, ווי זי האט די גאנצע צייט געמיינט, ווייל, וואס, אייגענטליך, האט זי, אזא שעהנע פרוי, פון איהר פערהייראט לעבען מעהר ווי אפצוגעבען און א קליידעל אנצוטון? ווייטער איז דאך איהר לעבען אזוי נישט אינטערעסאנט. זעל־טען ווען זי געהט ערגעץ, זעהט עפעס, הייסט נישט פון קיין געזעלשאפטליכען לעבען, איז זי טאקע פערבליבען כמעט א גרינע ביז היינטיגען טאג.

איצט, ווען זי טראכט וועגען דעם, זעהט זי ווי איהרע בעסטע יאהרען, איהר יוגענד און איהר שעהנקייט געהען אוועק אהן פרייד און אהן ליבע...

„ליבע"! זי האט דאך נאך דעם אזוי פיל געבענקט, איהר יונג־מיידעלש הארץ האט זיך דאך צוזאמענגענאסען אט מיט דעם ווארט אין דער שטילקייט פון איהר היימיש, איינזאם און ארים לעבען, מיט איהר קליינשטעטלדיגע שטילע פער־נאכטען, מיט די זון־אונטערגאנגען, מיט איהרע האפנונגען.

פארוואס האט אבער אלץ אנדערש ווי זי האט געדענקט, געפיהלט און געהאפט.

— — —

זי האט איהם בעדארפט אפרופען אויפ'ן טעלעפאן, לאזען איהם וויסען, ווען און וואו זיי זאלען זיך טרעפען.

זי איז מיט איהם בעקאנט געווארען אויף איינעם פון די נאכמיטאג־קאנצערטען, וועלכע זי האט לעצטענס אנגעהויבען אפט צו בעזוכען. ער איז געווען א שעהנער יונגערמאן, א קלוגער, מיט אנ'אינטערעסאנטען אויסזעהן, מיט א פאר ראמאנטיש פערחלום'טע אויגען. זיי האבען פער־בראכט צוזאמען א פאר שטונדען, און ער האט צו איהר אזוי שעהן און אזוי געפיהלפול גערעדט, אז ער האט איהר מיט זיינע ווערטער בעצויבערט.

די פאר שטונדען, וואס זי האט מיט איהם פערבראכט, זענען אפשר געווען די גליקליכסטע אין איהר לעבען. זי האט געהאט דאס געפיהל, ווי עס וואלטען זיך צו איהר אומגעקעהרט איהרע היימי־שע, מיידעלשע חלומות און האפנונגען.

ביים צושיידען זיך, האט ער געבעטען ביי איהר דעם אדרעס, ווייל ער וויל איהר קומען זעהן. דאס האט זי, פערשטעהט זיך, נישט געקענט טון. זי האט איהם אבער פערשפראכען אין א געוויסען טאג און אין א געוויסער שטונדע אפצורופען.

איצט איז געווען די שעה, ווען זי האט איהם בעדארפט אפרופען, און זי האט נישט געקענט פער־שליסען, וואס צו טון.

זי איז געווען אליין אין הויז. דער מאן איז געווען ביי דער ארבייט, די קינדער אין שול, און זי, א הילפלאזע, א פערלוירענע, האט זיך ארומ־געדרעהט איבערן הויז אין א פערדריקטער שטימונג און די פראגע, צי זאל זי, אדער נישט, האט איהר נישט אויפגעהערט צו מאטערען.

זי האט געוואוסט, אז דאס, וואס זי בעדארף איצט ענטשיידען וועט האבען אנ'אפקלאנג אויף איהר גאנצער ווייטערדיגער עקזיסטענץ, אז איהר איצטיגער בעשלוס איז פאר איהר א פראגע, וואס וועט ענדערען דעם גאנג פון איהר לעבען...

פאר איהר איז איצט געשטאנען די פראגע, צי זאל זי אנהויבען א ניי לעבען ווי זי, אזא שעהנע און היימיש־אויפגעקלערטע, האט פערדינט, אדער זאל זי פערגעהן אין דעם אלטען, אלטעגליכען מרבה־לעבען, און ווייטער פערברענגען איהרע יאה־רען מיט איהר ביסעל היימישקייט, מיט איהר פשוט'ען מאן און מיט איהרע קינדער.

א פאר מאל איז זי צוגעגאנגען צום טעלע־פאן, גענומען דאס רעהרעל אין האנד אריין, אבער יעדעס מאל האט איהר האנד ווי פון זיך אליין א ציטער געטון און זי האט זיך מיט שרעק אראפ־געלאזט.

איהרע ביידע קינדערלעך זענען מיט אמאל אריינגעלאפען פון שול און ווי צוויי יונגע פייגעלעך גלייך אריינגעפלויגען צו איהר אין די הענד אריין, פישצענדיג מיט זייערע יונגע קול'כעלעך:

„מאמא! מאמא!"

זי האט זיך א טרייסעל געטון, זיך געכאפט, אז איצט איז שוין סיי־ווי שפעט אפצורופען, און זי האט א טראכט געטון, אז אלץ איז שוין פערפאלען. און שטעהענדיג צווישען ביידע קינדער, האל־טענדיג זיי מיט ביידע הענד ארומגענומען, האט איהר עפעס אזוי וועה און באנג געטון... גלייכצייטיג האט עפעס אנ'אינערליכער פריידיגער געפיהל אנ־געפיהלט איהר הארץ. ווי עס וואלט איהר הנאה געטון, וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזט און ס'איז דערווייל אלץ געבליבען ביים אלטען.

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען.
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
איינענע פראצאווניע פון ווערטיגע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: תפלעטקעס אויף פלאטפוסע. [illegible]
[illegible] צייטען פון 5—7 אוו.
צוריק געקעהרט.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען.
דורכלייכטונגען און קינסטליכע בערג-זון.
[illegible] פון 3—5 נאכמיטאג.

ס'געיעג נאכן שאטען

41) (סענסאציאנעלער ראמאן)

אין דעם שמועס האט זיך אריינגעמישט א דריטער קול:

— יא, ביזט גערעכט, קוויאטעק! איך גע־דענק גוט דעם „סעכמאטען"... דאן האט מען וועגען דעם געהאלטען אין איין שרייבען אין די בלעטער... ס'איז געווען די גרעסטע קאלעקציע פון אלט גאלד, וואס איז געקליבען געווארען אין משך פון דורות, און דער „באלעבאס" האט עס אונטערגעהוילען אין איין נאכט — ווי ס'וואלט אינ־גאנצען נישט געווען... דא איז געווען אפגעטון אזא ריין שטיקעל ארבייט, אז ביז היינט ווייסט מען נאך נישט, ווי ס'איז ארויסגעפיהרט געווארען. דער עיקר אבער איז, וואס קיינער פון אונז ווייסט נאך עד היום נישט, ווער ס'איז אונזער „באלעבאס"... א איך גלויב, אז אפילו טאנצמאן אליין ווייסט אויך נישט...

— נו, און דו ווייסט טאקע אויך נישט? — האט נייגעריג א פרעג געטון דער ערשטער קול.

— אט נעהם איך, און זאג דיר גלייך... אמת, כ'האב נאר געהערט מיט איין אויער בלויז, נאר ס'איז מיין פרינציפ נישט צו מישען זיך אין פרעמדע עסקים, כל זמן זיי האבען נישט מיט מיר קיין דירעקטע שייכות. איך האב אייך אויך צו האלטען די צונג הינטער די ציין.... דער „באלע־באס" האט נישט ליב צו שפאסען... האבען מיט איהם צו טון איז נישט כלל די גאר געשמאקע זאכען! און ווען אזעלכע לייט טראגען נאך א גרעפישען טיטול איז עס נאך דאפעלט נישט געוואונ־שען, און מען בעדארף צו זיין דאפעלט פארזיכ־טיג... אווי־צו־אזוי איז צו אונזער „באלעבאס" שווער צו דערלאנגען מיט דער האנד — ער שווימט צו הויך!

— זאגסטו נישט ליגען? — האט זיך דער צווי־טער אפגערופען מיט פערדראכט — עפעס ווייסטו מיר צו פיל. אפשר וועסטו אונז זאגען נעמען. וואו ער וואוינט אויך?

— זעלבסטפערשטענדליך ווייס איך עס! — האט זיך יענער בעליידיגט — כ'ווייס דעם נומער פון זיין טעלעפאן: 67־3.46.... איך האב אליין גערעדט מיט איהם טעלעפאניש.... אויסגעפיהרט זיי־נע בעפעהלען.... ס'איז דערפאר, ווייל דער „באלע־באס" טוט קיינמאל אליין....

די שטימען האבען זיך פלוצים איבערגעהאקט. מיט א פיבערהאפטער איילינקייט האט וואלד־מאן ארויסגעצויגען דעם שלאס פון דער ברעט, און שנעל צוזאמענגעשטעלט א נייע קאמבינאציע:

די הענד זיינע האבען געציטערט פאר אויפ־רעגונג....

די דראטען האבען ווידער אנגעהויבען צו שעפטשען.

אזא אויפרעגונג האט נאך וואלדמאן נישט ארויסגעמאכט קיינמאל אין לעבען.

אט!...

ניין, ער האט דאך נישט געקאנט קיין טעות האבען, וועמען ס'האט געהערט די טרוקענע, סקריפענדיגע שטים:

ס'האט גערעדט טאנצמאן.

גע'טענה'ט האט ער מיט א מין צוריקגעהאל־טענקייט מיט דרך ארץ, און געענטפערט האט איהם א קאלטער, גלאסענער קול.

וואלדמאן האט שנעל אריינגעקוקט אינ'ם טעלעפאן־בוך, כדי צו דערוויסען זיך, מיט וואס פאר א הויז ער איז אריין אין קאנטאקט.

ער האט פשוט זיינע אויגען נישט געגלויבט:

וואס הייסט?!... ניין, ניין! ער האט דאך פארט פריהער נאך געהערט די דאזיגע שטים — א שטאלצע, גלאסענע און איבערציינענדע.

די דאזיגע שטימע האט נאר געקאנט געהער־ען צו איין מענטשען, וואס גארנישט איז בכוח געווען ארויסצופיהרען איהם פון זיין גלייכגעוויכט.

ווען ווארשא זאל זיך איבערדרייען, ווען די שטע־רען, א שטיינער, זאלען ארונטערפאלען אויף דער ערד — וואלט דער דאזיגער מאן בעהאנדעלט די דאזיגע ענינים מיט דער זעלביגער רוהיגקייט, צוריק־געהאלטענקייט, און איבערציינונגס־קראפט.

וואלדמאן האט, ווי געזאגט, נאך פריהער געהערט דעם דאזיגען קול.

ער האט זיך פערזענליך אנגעמעלט געהאט און דורכגעשמועסט מיט דעם דאזיגען בעל דבר וועגען אנ'אויסלענדישען פאטענט אויף איינער פון זיינע וויכטיגסטע ערפינדונגען.

דאס איז געווען די שטים פון דעם גראף בענסדארף — א גלענצענדער פארשטעהער אין דער פאליטישער וועלט.

ס'איז געווען דער קול פון דעם גרעסטען מאכט־מאכער, פונ'ם בעסטען פריינד פון פער־שידענע מיניסטארען, פון אנ'אנגעזעהענעם [illegible] אין די עלעגאנטסטע סאלאנען.

אין דעם געשפרעך מיט דעם פאסער, טאנצ־מאנען איז ער געווען פונקט אזוי שטרענג־איידעל, ווי אויף די אויפנאהמעס און בעלער אין הויזער, „סמעטענע" פון דער געזעלשאפט:

— קודם כל — האט ער פארטגעזעצט דעם שמועס — וויל איך אייך אנזאגען, אז פון אייער זייט איז עס געווען זעהר אומפארזיכטיג צו קומען דא־אהער.... ניין, ניין!... ביטע, רייסט מיר נישט איבער די רייד.... איך וועל דערנאך אויסהערען דאס אלץ, וואס איהר וועט בעזיליגען מיר צו זאגען.... איך ווייס גאנץ גוט, אז איהר האט גע־בראכט ידיעות, וועלכע זענען, לויט אייער מיינונג, זעהר וויכטיג.... דאס האט אייך אבער נישט געגעבען קיין שום רעכט צו קומען אהער, און ווייזען זיך אויף די אויגען פון מיין דינערשאפט.... איהר זענט בעגאנגען אנ'אומפערצייליכען פעהלער.... וואס קאן אונז פיל שאדען ברענגען.... פערשטעהט איהר עס, מיין הער?... איהר זאגט דאך אליין, אז פאליציי יאגט אייך נאך אויף שריט און טריט. ס'איז זעהר מעגליך, אז היינט אין אוונט וועט אין די צייטונגען פובליקירט ווערען אייער פאטא־גראפיע און די בעזונדערע סימנים.... און איהר ווייסט דאך, אז קיינער לייענט נישט אזוי אויפמערק־זאם די צייטונגען, ווי לאקייען און דינסט־מיידלעך...

נאך א קורצער הפסקה האט דער גראף ווי־טער גע'טענה'ט:

— אויב די דינערשאפט וועט עפעס [illegible], וועט זיין שלעכט, סיי פאר אייך, סיי פאר מיר... אין עטליכע מינוט ארום וועל איך ארויסרופען אהער מיין סעקרעטאר און הייסען אויסצאהלען אייך פינף און צוואנציג דאלאר — כלומרשט אלס בעלוינונג פאר דאקומענטען, וואס איהר האט געפונען אויפ'ן גאס.... האט איהר פערשטאנען?...

— יא, הער! — האט טאנצמאן געענטפערט, קלאפענדיג מיט די ציינער.

(פארטזעצונג קומט).

הומאר — דער קונדס — סאטירע
צוזאמענגעשטעלט פון ג. שארפצינעל

פאליטיק פון דער וואך

דער עסטלענדישער מלוכה־פרעזידענט איז געווען צוגאסט בײ אונז אין פוילען און האט דא געהאט א שטיקעל מעלעהר מיט א משוגע'נעם.

אין די פאליטישע קרײזן ליגט מען דערויף גרויס אויפמערקזאמקײט און עס קורסירן וועגן דעם פערשידענע קלאנגען.

פערדאן א ווערסיע, אז ענגלאנד זאל אהער שיקן אן'אויספארשונגס־קאמיסיע אויסצופארשען, די מעשה מיט'ן משוגענעם, אנדערע האלטען, אז עס איז נישט אויסגעשלאסען די מעגליכקײט, אז די פעלקער־ליגע זאל אויפגעריכטען ווערען צוליב דעם משוגענעם.

אנדערע מײנען, אז דער פאל וועט בעוועגען אמעריקא צו ברעכען איהר נײטראליטעט בנוגע אײראפע.

מעגליך, אז דאס אלץ איז מעגליך, ווײל אין דער געשיכטע פון דער דיפלאמאטיע איז שוין פערצײכענט נישט אײן משוגענער, וועלכער האט פערקאכט א גאר וואוינע קאשע אין דער וועלט־פאליטיק.

משוגענעם און פאליטיק.

ערקלערונג

גאנסט : פאר־א־יאהרען
אין דער צײט,
האב איך געשאנקען
דיר מעהר צײט
און, מעהר אדער
ווײניגער, העפטיג
מיט דיר, וואס ס'
רופט, זיך בעשעפטיגט.
ווײל איך שפאר צײט
גלויב מיר, ס'איז נישט,
אדער ווײל כ'בין
דעם יאהר צײט
אריבער, אויף
דער שטיל, אין
אנ'אנדערער ראַ־
מעס געפיהלם.
מײן הארץ איז דא
גאר נישט שולדיג
און מײנע געפיהלען
אויך נישט;
כ'בין טריי, ווי געווען,
און געדולדיג,
כ'האב אבער מעהר שוין
קײן כוח נישט.

פון אויסלענדישען מארק

גע‍סטראשעט

מוטער: — פאר וואס האסטו מיר נישט גע־רופען, ווען די גריך האט דיך געקושט?

טאכטער: — ער האט מיך געסטראשעט, אז ווען איך וועל דיך רופען, וועט ער מיך שוין קײנמאל מעהר נישט קושען.

ער ווייסט וואס ער טוט

— דו ווייסט, אונזער זוהן האט פײנד רעקלאמע און איז אזוי בעשײדען, אז ווען ער גיט א צדקה בעט ער, אז מען זאל עס קײנעם נישט דערצעהלען.

— דו ביזט א נאר, ער וויל פשוט דערמיט בעווארענען זיך, אז נאך מענשען זאלען צו איהם נישט קומען און בעטען בײ איהם געלד.

פערשטומט

— ברוך הבא! איהר האט געקויפט א מאק־ינטאש?

— נײן, געליהען בײם שכן.

— דערפאר מעגט איהר אויך נישט קאנען שפײ־לען בשעת ס'איז אין מײנע הענט.

א גוטער ראַט

— הר דאקטאר, ווען איך שאקעל מיט דעם קאפ טוט מיר וועה.

— שאקעלט נישט מיט דעם קאפ.

— אבער, ווי וועל איך וויסען אויב ער טוט מיר וועה.

זי בײ זיך אינדערהײם

— איהר זענט שוין דא באלד פינף וואכען און איהר האט זיך נאך נישט דערמאהנט, מיר צו געבען פאר א חודש דירה־געלד.

— איהר האט דאך מיר געזאגט, ווען איך האב א־ײנגעצויגען צו אײך, אז איהר וועל דא זײן אזוי ווי בײ מײנע עלטערען אינדערהײם. איך האב קײנמאל נישט געגעבען א גראשען, ווען איך בין געווען אין דעה הײם....

איז א פרעזידענט געקומען

(וואך־קלאנגען)

ס'איז צו אונז פון עסטלאנד אויך
דער פרעזידענט געקומען —
האט מען איהם מיט גרויס כבוד
טאקי'ש אויפגענומען ..

אלץ מיט אימפעט און מיט האסט
האט מען איהם געוויזען —
אז מיר זענען, ווי עס פאסט
אויך'עט מיט קאפריזען...

איד'ן איז בײ אונז גאר וואויל
וואו מען טוט זיך ריהרען,
און דער נײער יונגער פויל
האלט אין פראגרעסירען.

ס'איז אהן אויפהער — א פראגרעס
גאר אין אלע זײטען.

(אז מ'זן לעבט נאך איז א נס
פון די לעצטע צײטען!...)

ערעס גייט בײ אונז פארויס —
אויף געשמירטע אקסען.
און די שטײערען גאר גרויס
האלטען אויך אין וואקסען!

ס'וואקסט און וואקסט — געראטען אלץ,
ס'בליהט אלץ גרין אין הדס.
נאר עס האלט אונז פעסט בײם האלז,
ס'דושעט אונז — א צרה.

פיהרט דער פרעזידענט דערפרישט
א'צט א גרוס קײן עסטלאנד:
אז בײ אונז איז דא — א נישט —
ס'איז דא — נישט־דערעסט־לאנד...

יאקעל בן מלקעל.

לאדזער ראדיא

— האבען מיר שוין מיט מזל אין לאדז א ראדיא־סטאציע.
— וואס קומט אבער ארויס, אז מען הערט נישט קײן נײעס. אלץ דאס זעלבע: קריזיס און קריזיס.

וואס דער מאגיסטראט איז גרייט צו טון

עקספאזע פון שטאט־פרעזידענט

רבותי! מיר פערשטעהען, אז מ'דארף העלפען די ארימע און קראנקע, וואס זאלען מיר אבער טון, אז זײ צאהלען אונז נישט קײן שטײערען, זײ זענען אונז שולדיג פיל געלד.

מיר נעהמען זיך אונטער יעדען ארבײטסלאזען אויסצוצאהלען צו הונדערט זלאטים יעדע וואך, בתנאי, אז יעדער אהן אויסנאהם אײנוואוינער פון לאדז זאל צאהלען ארבײטסלאזען שטײער אין דער הויך פון 150 זל. א וואך, כדי מיר זאלען אויך האבען אויף אדמיניסטראציע־הוצאות.

מיר זענען גרייט צו בויען הײזער פאר דירות־לאזע, בתנאי די רעגירונג זאל אונז געבען געלד אויף צו בויען.

מיר זענען גרייט צו בויען א שפיטאל, בתנאי אז אנשטאטס יורשים זאלען אונז געבען דעם פלאץ, די בנינים און די אינערליכע אײנריכטונג.

מיר זענען גרייט צו דערלויבען יודישע שולען בתנאי, אז די יודען זאלען זײ זיך אלײן אויס־האלטען.

מיר זענען גרייט צו שיקען יתומים אין די פריוואטע יתומים־הײזער.

מיר זענען גרייט אנצוערקענען דעם פרינציפ פון רעכט אויף ארבײט, אבער ערשט נאכדעם, ווי ס'וועט זיך אנרייגען אונזער קאדענץ.

מיר זענען גרייט צו פערברײטערען די גרענ־ניצען פון לאדז, אויב די ווירטשאפט פון די פאר־שטעט וועלען אונז אפגעבען זײערע פלעצער.

די אלע זאכען וועלען מיר אבער קענען טון, ווען איהר, חשוב'ע ראטמענער, וועט אונז ערלויבען צוליב דעם שווערען קריזיס, וואס אונזער שטאט לעבט איבער — צו העכערען די שטײערען און אײנצוקאסירען די פערלעגענע, אויב נישט וועלען מיר שיקען די עגלה.

דײטשע עקאנאמיע

א דײטשער יוד איז געקומען צום פאסטאר זיך איבער'שמד'ען. דערבײ האט ער איהם געבעטען ער זאל ענדערען זײן נאמען.

— ווי וואלט איהר געוואלט מען זאל אײך רופען?

— מארטין לוטער — איז געווען דער ענטפער.

— ווי אזוי פאלט אײך אײן צו רופען זיך נאכ'ן גרינדער פון אונזער רעליגיע? — האט זיך געוואונדערט דער פאסטאר.

— איהר פערשטעהט, מײן נאמען איז איצט מארקוס לערנער, וויל איך זיך פערשפארען איבער־צובײטען די מאנאגראמע אויף מײן וועש.

אין דער האנדעלס־האלע

— ס'איז שוין נאכמיטאג און איך האב שוין מיט מזל געמאכט א פאטשאנטעק.

— הלוואי, מיערטשים בײ מיר אין גיכען.

א סוד

— איך האב דיר געזאגט א סוד, פאלקסט עס אויס אין דער גאנצער שטאט?

— וואסערער סוד?

— אז מיט די לאדזער סוחרים האלט עס שלעכט.

חסידיש

איך האב א זעהר חסידיש ווײבעל.
זי געהט א גאנצען טאג אראפ און ארויף
און האלט אין אײן זינגען:
דאי, דאי, דאי,
דאי, דאי, דאי.

א.

צווישען דראשקאזשעס

צווישען די דראשקאזשעס וועלכע שטעהען אין די פעטערלינער יעדען אוונט ארום א היגען טעא־טער איז אויסגעבראכען א מחלוקה צוליב דעם, וואס יעדער האט זיך געריסען וואס נעהנטער צו־צוקומען צום ארויסגאנג כדי צו האבען א זיכערען שאנס אויף א קורס.

וועהענדיג, ווי די בעלי־עגלות שלאגען זיך אזוי ארום איבער דער ריה, האט זיך אין דער מחלוקה ארײנגעמישט עפעס אן'עלטערער צופעלינ־פערבײ־געהענדיגער העה און געגומען די אויפגערעגטע בע־נאר דראשקאזשעס צו בערוהיגען:

— יודען! — האט דער אלטער גענומען אײנ־טענה'ן מיט זײ — צוליב וועלכע נושא יאהרען רײסט איהר זיך אזוי בײ די נעז? איך קען דאס היינטיגע טעאטער־פובליקום אויסגעצײכענט גוט.

דאס זענען דאך „לוטער" פאבריקאנטען און סוחרים, זײ פאהרען זיך נאר ארײן אין א טעאטער כדי טאקע אויף א ווײל צו פערגעסען דאס ביט־טעל הײמישע צרות, פון די דאזיגע געסט וועט איהר סײ ווי קײן פאכאושיר נישט כאפען, ווײל קײנער פון זײ פערמאגט נישט קײן בארע ולאטע, צו בעצאהלען אײך פאר א קורס, ערשט ווען, דאס עלעגאנטע פובליקום, בעגײסטערט פון דער פאר־שטעלונג, איז זיך אויף די „כאמעכאַרען" פונאנדער געגאנגען און די אלע דראשקאזשעס זענען געבע־מייטער געבליבען שטעהן אויף זײערע ערטער, האבען זײ דעמאלט פערשטאנען, אז דער יוד איז גע־רעכט, געגומען און זײ האבען זיך טאקע באלד איבער־געבעטען.

יא.

כח האט זי

— איך האב געהערט, אז דײן מאן האט די לעצטע צײט אויפגעהערט צו שיכור'ען, דערצו מ'ט מען האבען א כך פוח.

— איך בין, דאנקען דעם אויפערשטען, נישט קײן שוואך ווײבעל.

פון אײגענער ערפאהרונג

— דו ווײסט, אז קריג און פרידען געהט האנד אין האנד.

— ווי אזױ'ס מעגליך? אײנס איז דאך דער היפוך פון אנדערען.

— הערסט דאך: ווען איך בין אין קריג מיט מײן ווײב, איז בײ אונז אין הויז שלום ושלוה.

שפאס פון פאמיליען־ווינקעל

אַ קינדישער שכל

ברודער (צו זײן מײדעל): מײן טײערע, די קוקסט הײנט אויס ווי א רויז, וועלכע דער פריהלינג האט געקושט.

די קלײנע שוועסטערל: נישט דער פריהלינג, נאר דער ברודער פון שכן האט איהר געקושט..

ער האט אמאל געליבט

חיים: — זאג מיר, האסטו אמאל געליבט?

זרח (מיט א זיפץ): — יא, איך האב געליבט מיט מײן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה, אבער די פרוי האט חתונה געהאט.

חיים: — מיט וועמען?

זרח: מיט מיר.

זי האט געמאכט א טעות

מאדאם (צו דעם דינסט־מײדעל): — הײנט עסען מיר דא נישט קײן מיטאג, מיר'ן ארויסגעהן און מיר וועלען עסען אין א רעסטאראן.

דינסט־מײדעל (שטארק צופרידען): נו מאדאם, וועל איך שוין אפטון מײן ארבײט, ווען מיר וועלען קומען צוריק.

אַ גרעסער וואונדער

— איך האב געזעהן אין א וואדעוויל א מאן אהן הענד, און ער האט געשפילט פיאנא.

— דאס איז נאר עפעס, מײן ווײב ענדערט און האט נישט קײן שטימע.

אנגקלאגען

— איך האב געהערט, אז דײן שטומע פרוי האט מיט דער הילף פון א דאקטאר געקראגען צוריק איהר לשון, איז עס אמת?

— יא.

— איז אויף וויפיל געהסטו אנקלאגען דעם דאקטאר?

דאס לאנד, וואס ליידט

(א בריף פון לאנדאן)

שוין צוויי יאהר זייט די אינדישע נאציאנאַ־ליסטען האבען אנגעהויבען צו פיהרען זייער קאמף אויף צוויי פראנטען: — געגען דער ענגלישער רע־גירונג און געגען עקאטערינא מעיא. איהר בוך ערשיינט שוין אין דער פונפצעהנטער אויפלאגע און פון דער פאלעמיק מיט'ן דאזיגען בוך, האט זיך שוין געשאפען א גאנצע ליטעראטור. דער גרעס־טער טייל פון די אינדישע שרייבער האבען זייער אויפגאבע פערשטאנען: זעהר פרימיטיוו — פרוי מעיא, אנ'אמעריקאנערין, האט פעראורטיילט די אינ־דישע מנהגים, דארף מען איצט וויפיל ס'לאזט זיך אויסזידלען די אמעריקאנער. און די דאזיגע אינדישע קאנטר־אטאקעס זענען זעהר אינטערעסאנט. אין איין בוך צ. ב. ווערט די אמעריקאנישע אומאראַ־לישקייט דערוויזען מיט צוויי פאטאגראפיעס — אויף איינער זענען פאטאגראפירט א גרופע פראפע־סארען, אויף דער צווייטער — א פארל ביים ברעג טייך, און די פרוי דערביי קוקט מיט זיסע אויגען אויף איהר פארטנער. דאס געפינען אנ־עוולה אין דער ערשטער פאטאגראפיע און שוין דער אומשטאנד, וואס מ'האט געקענט ברענגען אלס בעשולדיגונגס־מאטעריאל. די צווייטע זענען די בעס־טע ערות דערפאר, אז מערב איז — מערב, מזרח איז — מזרח, און אז זיי וועלען אזוי בלייבען. ווע־ניגסטענס איז עס א בעווייז, אז מענשען, וואס קע־נען שרייבען אויף מערב־אופן, בענוצען צו זייערע צילען די מזרח־ארגומענטע.

ס'איז זיכער, אז פרוי מעיא פערטיידיגט אין איהר בוך די ענגלישע אדמיניסטראציע, נאכמעהר, — זי ריהמט זי. אבער אין איהר בוך איז פערהאנען דאס קענען דרייסט אנרופען דאס קינד ביים נא־מען; דאס מאכט פון א ליטעראריש ווערק א היס־טארישע ערשיינונג. בפרט, אז די פראגע, וועלכע זי בעריהרט, רופט ארויס א געוואלדיגען אינטערעס אין גאנץ אינדיע.

קיין שום ענדערונג פון פאליטישען רעזשים וועט נישט בעזייטיגען דעם אומשטאנד, אז די אינדישע בעפעלקערונג איז פיזיש זעהר שוואך און איז שרעקליך ארים. ביידע ערשיינונגען זענען לויט דער מיינונג פון פרוי מעיא א פועל־יוצא פון די זעלבע סיבות.

ראבינדראנאט טאגארע האט געלערענט, אז דער אינדישער אידעאל פון הייראט בעשטעהט אין בעפרייען דעם גייסט פונ'ם עגאאיסטישען ליבע־געפיהל, דערפאר דארף די הייראט קומען פריהער, איידער דאס דאזיגע געפיהל וואכט אויף. פאקטיש הייסט עס, אז מיידלעך הייראטען פארמעל אין עלטער פון 5—9 יאהר און דאס עראטישע לעבען הויבט זיך ביי די אינדישע גלייך, ווי ס'קומט די עראטישע רייפקייט. די מעהר פראגרעסיווע פונדיטען־בראמינען טייטשען אויס די קינדער־הייראט, ווי א פייערליכע פערלאבונג, וועלכע בינדט זיי צונויף אויף שפעטער, די ענגלישע געזעצגעבונג האט אויסגענוצט די דאַ־זיגע אויסטייטשונג און האט פעסטגעשטעלט, דעם עלטער, ווען אזעלכע פארמעלע הייראטען קענען פערוואנדעלט ווערען אין פאקטישע, אבער דאס גע־זעץ בלייבט נאר אויפ'ן פאפיר, ווייל דאס אפהיטען איהם, איז פולשטענדיג אפהענגיג פונ'ם מאן.

נישט ווייניגער וויכטיג איז אויך א צווייטער אומשטאנד. אין דער וויסענשאפט ווערט אלץ מעהר פערשפרייט די מיינונג, אז פיל ערשיינונגען געפינען זייער סיבה אין א סובטראפישער קראנקהייט אנ־ערד־ווארים, וואס זויגט אויס סיסטעמאטיש דעם מענשען, און נעהמט ביי איהם אפ זיין ארבייטס־פעהיגקייט און ענערגיע. ס'איז דא א גרונד אנצו־

צוליב דער רעליגיעזער פילאזאפיע

נעהמען, אז ביז 60 פראצ. פון דער בעפעלקערונג אין דרום־אינדיען איז קראנק אויף דער דאזיגער קרענק, וואס לאזט זיך זעהר שווער צו היילען. ס'־איז אבער זעהר לייכט אפצוהיטען זיך פון דער קראנקהייט: מ'דארף נישט געהן בארוועס, און דער ווארים, וואס ענטוויקעלט זיך נאר אויף דער ערד, זאל זיך נישט קענען אריינקריגען הינטער דער הויט. אבער ווי אזוי צווינגט מען די אלע אינדיער, אז זיי זאלען אנטון און טראגען שיך.

ביי אזא לאגע ענטשטעהט די פראגע — ווי־אזוי זשע האבען די אינדוסען געקענט עקזיסטירען טויזענדטער יאהרען און שאפען א וועלטענע קול־טור? די מעשה איז אבער די, וואס אין אזא צו־שטאנד האט דאס פאלק טאקע קיינמאל נישט עקזיסטירט. די געבורטען פון שוואכע האט זיך אין יעדען דור קאמפענסירט מיט'ן אויסראטען די שוואַ־כע, בעת די אפטע הונגערן (נישט זעלטענער ווי אמאל אין 10 יאהר) אפטע מלחמות, ווען ס'פלעגען איינדרינגען די פעלקער פון די צפון־בערג און פון מיטעל־אזיע; און אלס פועל־יוצא פונ'ם דאזיגען איינדרינגען זענען — די בעדייטענדע מאכט־אַ־נישע גרופען, וואס זענען גאר נישט בעקאנט מיט די טיפישע אינדוסער מנהגים, און נאר די ענגלישע מאכט, וואס האט פערשלאסען די צפון־גרעניץ, און האט ביסלעכווייז ליקווידירט דעם הונגער, האט געשאפען א מעגליכקייט, אז די נאציאנאלע אינדוסען־איינגעשאפטען זאלען זיך ענטוויקלען.

דאס זעלבע איז אויך בנוגע דער עקאנאמי־שער לאגע פון דער בעפעלקערונג. דער פערבאט צו שלאכטען הויז־חיות האט אמאל זיכער געהאט א זין. דאס הומאניטאר'ע דערביי איז איצט גאנץ צווייפעלהאפט און, אין דער פראקטיק ברענגט עס דערצו אז אלטע און קראנקע חיות ווערען ארויס־געשטויסע און דארפען אויסגעהן פאר הונגער.

גהאנדי אליין האט אויף דער פראגע, וואס־זשע זאל מען טון מיט די געוואלדיגע סטעפּ־הינט, נישט געפינען קיין בעסערע תשובה, ווי אז מ'זאל זי נישט קארמען. אין באמבייאישען פאר־לאמענט האט מען א גאנץ יאהר בעהאנדעלט די פראגע, צי זאל מען ערלויבען דער פאליציי דער־הרגענען די חיות, וואס זענען איבערגעלאזט אויף גאטס בעראט און זענען ארונטערגעפאלען אונטער אנ'אויטא.

דאס דאזיגע געזעץ איז א דורך צתנאי, אז ס'זאל אויסגעמיטען ווערען די היילגע בהמה.

די בהמות ווערען נישט אויסגעשלאכטעט, ווע־רען איצט נישט אויסגעטריבען, בעת מיליטערישע אדער רויב־אנפאלען, זייער צאהל שטייגט, און זיי פרעסען אויף אינדיען, הגם זיי, די בהמות, זענען אליין שטענדיג הונגעריג — ס'איז ווייניג פעלדער און לאנקעס פאר די בהמות, וואס ווארטען אויפ'ן נארמאלען טויט, און אזוי־ווי די מענשען ווילען אויך נישט שטארבען, פערוואנדלען זיי די לאנקעס אין ברויט־פעלדער. ס'וואלט געווען אנ'אויסגאנג — ליקווידירען א העלפט פון די „היילגע" בהמות, כדי צו קענען אנזעטיגען די צווייטע העלפט. דער אויסוועג איז אבער נישט מעגליך, צוליב דעם, וואס אפילו די פראגרעסיווע פונדיטען ווילען זיך נישט אפזאגען פון זייער רעליגיעזער פילאזאפיע.

און אזוי איז אין אלעם: אייראפא האט פאר אזיען פערשלאסען איהרע אזיאטישע וועגען צוצו־פאסען זיך צום לעבען, און דאס איז געשעהען פריי־ער, ווי זי האט אויסגעלערנט אזיען צו לעבען אויפ'ן אייראפעאישען שטייגער.

אזיען האט זיך נאר אויסגעלערנט צו פרא־טעסטירען אויפ'ן אייראפעאישען שטייגער געגען „אייראפעאישען אימפעריאליזם". און איצט איז די גאנצע פראגע אין וועמענס נאמען געהט דער דאַ־זיגער פראטעסט: אין נאמען פון „אזיען" וועלכע איז שוין געווארען נישט מעגליך צו ווייטערדיגע עקזיסטענץ, צי אין נאמען פון „אייראפע", וועלכע עקזיסטירט נאך דערווייל דארט נישט?

פ. ג.

LUNA

אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 ביי טאג

פּאַרטער פּלעצער 10 אגר. אויפ'ן ערשטען סעאנס פון 1 זל. אג. שבת און זונטאג פון 12—3 נאכמיטאג זענען אלע פּלעצער צו 1 זלאָט.

היינט און פאלגענדע טעג! גרויסער פילם, רעזשי פון מייסטער F. W. MURNAU היינט און פאלגענדע טעג!

„4 טייוואלאנים"

אין די הויפּטראָלען: Janet Gaynor, Mary Dunkan, Nancy Drexel, Charles Morton, Barry Norton

פראכטיגע מוזיק. אילוסטראציע אויסגעפירט פון סימפאָנ. ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי. הנחה־בילעטן זענען זונטאָג אומגילטיג.

KINO TEATR CAPITOL

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסע דראַמע פון א פלאַמענדער ליבע פול מיט סובטעלען רייץ און פּאעזיע א.ג.

„חלום פון ליבע"

אין די הויפטראָלען: NILS ASTHER i JEAN GRAWFORD

רעזשי: FRED NIBLO

רעזשי: FRED NIBLO

סימפּאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ש. בייגעלמאַן.

פרייזען אויפ'ן ערשטען סעאנס 50 גר. און 1 זל.

קינא־טעאטער פערלא

פראנציסקאנסקא 31

היינט און פאלגענדע טעג! 2־טע סעריע (ענדע) און דער אינהאַלט פון דער ערשטער סעריע

פון ג"ויסען פראַנצויזישען מייסטערווערק לויט דער דערצעהלונג פון א. דומאַס א. ג.

נקמה פון גראף מאנטע קריסטא

אין די הויפּטראָלען: Lil Dagover, Bernard Götzke, Gaston Modot, Mary Glory, Jean Angelo, E. Maupain

נעקליבענער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. ריכטער. אנהויב 4.30 נאכמי. אג שבת און זונטאג 1 א זייגער בייטאג.

פרייזען פון אַלע פּלעצער אויף די ערשטע סעאַנסען צו 50 גראשען.

קינא־טעאטער RAJ

5 באלוטער מארכ 5

היינט און פאלגענדע טעג! 2־טע סעריע און ענדע פון פילם־מייסטערווערק היינט און פאלגענדע טעג!

„קלוב פון דער שווארצער האנד"

א. נ.: „דער אמת זיגט"

אין דער הויפּטראָלע WILLIAM DESMOND

אויסער'ן פּראָגראַם: א פאַרס.

די מוזיקאלישע אילוסטראציע איז ספעציעל צוגעפּאַסט צום בילד אונטער דער לייטונג פון ה' ע. זילבערשאַץ.

אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אַלע פּלעצער צו 50 גראשען. אנהויב אין געוועהנליכע טעג 4 א זייגער נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג.

Emulsja SCOTT'A

איז אַנ'אונשעצבאר נאהרונגס־מיטעל פאר זויג־מוטערס, ווייל א דאנק דעם גאב־ויך פערשווינדט די שרעק פון שוואכקייט און מידקייט. צוליב דעם וואס, עס ענטהאלט אין זיך א גרויסען כעמישען לאגער, פיהרט דער פּרעפּאַראַט נישט בלויז אריין אין ארגאניזם א בעדייטענדע צאהל וויטאמין, נאר אין א סך פאלען האלט עס דאס גלייכגעוויכט ביים פערלירען דורכ'ן ארגאניזם פון אנדערע אונבע־דינגט נויטיגע סובסטאנצען, הויפּטזעכליך פאספאר. עמולסיא רופט נישט ארויס קיין אויפברויזונגען אין דער פערדייאונג, ווערט גערן בענומען און איז אַנ'אונבעדינגט נויטיג פערשטארקונגס מיטעל ביי סקראפול, ענגלישער קרענק, בלוטארימקייט, לונגען־ליידען.

פערלאנגט נור אריגינעלע EMULSJA SCOTT'A

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד־אפטעקסען.

DR. MED.

Z. Datyner

אוראלאג

ספעציאל־ארצט פאר בראזען נירען און אורין־קראנקהייטען

Piramowicza 2

(Olginska) Telef. 148-95

נעמט אָן פון 1—2 און 6 - 8

Dr. Józef Kon

ספעצ. פונקיגדער־קראַנקה.

נעהמט אַן פון 3—5 נ"מ

5 פיעטריקאווער 5

טעל. 108-12.

לעהרעריין

גוטע פעדאגאגין ערטיילט אונטערריכט פאר דער־וואקסענע אין פוילישע יודישע און דייטשע שפראכן צו ביליגע פרייזען

לאַסמאַן, בזשעזשינער 15

בילי קונסט־פאטאגראפיעס!

נור א קורצע צייט!!!

צוליב'ן איצטיגען קריזיס, גיב איך די מעגליכקייט דער געעהרטער קונדשאפט, צוליב די פעוקלענערטע פרייזען פון די אויפנאהמען, ווי:

6 פאסטקארטען נור 6 זל.

ברוין, דאפעלט רעטושירט (1 פּאָזאַן)

6 „ זיידענע (1 פּאָזאַן) נור 7 זל.

12 שטיק (Express pictures) נור 2 זל.

אויסערדעם ווערען אויסגעפיהרט אויפנאהמען לויט די נייעסטע פאטא־טעכניק מיט ספּעציעלע ליכט־עפעקטען. פאר גרופּען־אויפנאהמען, ווי אויך פאר פאראיינען — בעדייטענדע הנחות.

מיר עמפפעהלען זיך דער געעהרטער קונדשאפט

קונסט־פאטאגראפישע אנשטאלט

„PARISIEN"

30 פראנציסקאנער 30

מאָדערנע שיטלען!

ווי אויך פאריזער שרינדען

צו זעהר ביליגע פרייזען

צו בעקומען ביי קאץ, זאַבאדניאַ 24

Dr. med. J. Szmerłowski

פרויען־קראנקהייט

17 פיעטרקאווער 17

נעהמט אָן פון 4—7 נאַכמיטאָג

הײַנט פֿײַערליכע פּרעמיערע! אויף'ן וועג פֿון שאַנדע

Marja Malicka, Miss Polonja Zofja Batycka, Bogusław Samborski

גרויסע זיטען-דראַמע נאָכ'ן בעסטן פֿון דער פּאַריזער... אין די הויפּטראָלן:

WŁ. ZWIRLICZ

אויסערדעם: פּ'זעענען פֿערליבטע... אויף'ן פֿון... נ' פּובליקום די אויספּטריטען פֿון פֿענאמענאַלן טעלעפֿאָט

Kino Spółdzielnia
Sienkiewicza 40.

אָנהויב אין גאַנג. טאָג 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג 12 בײַטאָג, לעצטער סעאַנס 10 אָוונט. אויף'ן 1-טען סעאַנס זענען די פּרײַזן פֿון די פּלעצער ביליגער.

הײַנט און פֿאָלגענדע טעג! אונשטערבליכע ליבע

פֿאַר יונגע דערלויבט!

מעכטיגע דראַמע פֿון דער וועלט-מלחמה א. נ.

– אין די הויפּטראָלן: – **Colleen Moore i Gary Cooper** – אין די הויפּטראָלן:

פֿערשטאַרקטער אָרקעסטער אונטער לײַטונג פֿון ה' עסטרייכער

נעכסטער פּראָגראַם: „דאָס בלוטיגע אות"

קינאָ-טעאַטער **ZACHĘTA**

...ערזשער 26, בײַם פּלאַץ קאָשטשעלני

...עם: בעת דער פֿויע קאָנצערט פֿון ניגאַנטישע מאַרקאָני-ראַדיאָ. דער זאַל איז גוט בעהייצט.

עלעגאַנטע
פּאַלעטשקעס
אויף פּאַריזער שרינדען
צוליב דעם קריזיס
צו יעדער נײַע פּאַלקע צו מעסיגע פּרײַזן.
2 מאָל אָנדולאַציע גראַטיס
קאָנסטאַנטינער 15 בײַ פּרוי צוקער.

די מעכאַנישע
שלאָסערײַ און שווייסערײַ
פּיהרט אויס זעמטליכע מאַשין-רעפּאַראַטורען, שווייסונגען, צופּאַסונג פֿון מאַשינען-טיילען מיט גאַראַנטיע און :–: גינגען בילליגען פּרײַז :–:
J. REDER, Łódź
11 קאָנסטאַנטינער 11 ווינקל זאַכאָדניע
פּריוואַט-וואוינונג: גדאַנסקאַ 20.

א לאַנגיעהריגער געוועזענער
גערכטס-סעקרעטער
שרײַבט אַלערלײַ ביטעס און קלאַגעס. קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשע-ניעס אין אַלע שטעדט פֿון פּוילען.
א גוטער ספּעציאַליסט אין מיליטער-ענינים
B. MANN, Piotrkowska 10.

הלא הכמה תקרא, ותבונה תתן קולה
בצדק כל אמרי פי, אין בהם נפתל ועקש, אשרי אדם שמע לי, לשקד על דלתותי יום יום
איבער דעם זאָלסטו נאָר קומען אין מײַן רעכטסקאָנסולטאַציע-ביוראָ צו ה' מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17
(זאַכאָדניע 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט פּינקטליך ערלעדיגט, געווי-סענהאַפֿט געשריבען אַלערלײַ ביטעס: ציווילע, קאַרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אַדוואָקאַציעס, סלאַוועס. זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, ווענען דירות און אַרונטע ראַזיעטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. מיט גאַראַנטיע
ד. מאַנעלאַ, רעכטסקאָנסולענט פּעטריקאָווער 17.

כירורגישע קליניק
„Sanato"
אַנראַדאָוואַ 10, טעל. 113-57
עס אָרדינירען פֿאָלגענדע ד"רים:
ד"ר מעד. שאַרלאָטאַ אייגעראָוויץ
ד"ר מעד. רייטלער-קוריאַנסקאַ
ד"ר מעד. מיכאַל קאַנטאָר
ד"ר מעד. יוליוש באָום
ד"ר מעד. וואָלף אייכנער
I און II קלאַס.
9846

Dr. Różaner
ספּעציאַליסט פֿאַר הויט, ווענערישע קראַנקהייטן און מענער-שוואַכע
Dzielna (Narutowicza) **9 tel. 128-98**
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן פֿון 8–10 פֿריה און פֿון 5–8 אָוונט. וואַרטע-זאַל פֿאַר פֿרויען.

נײַעס בלויז פֿאַר יודען!
די לאַנג-עקזיסטירענדע **טלתים-פֿאַבריק** עספּעציעל צום פּסח-סעזאָן א גרויסען און רײַכען אויסוואַהל פֿון עכט וואָלענע, האַלב-וואָלענע און זײַדענע פּמו טערקישע טלתים, ווי אויך טלתים קטנים.
הורט און דעטאַיל! ביליג און רעעל
יחיאל מינסקי, לאָדז, סאַלנאַ 6

דראָוסעט
בײַ דער אַקצ. געז. מ. א. ווינער איז געלאָזט געוואָרען אין בעטריב. ס'ווערען אָנגענומען זעמטל. אַרבײַטען צו צוגענגליכע פּרײַזן
„DROUSARNIA ZAROBKOWA"
Cegielniana 96.

לעטשניצע
פֿון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי נאָז, האַלז, אויערן קר.	10–11 2–5 6–7
ד"ר וואַשאַנער הויט און גשלעכט קר.	10–11 1–2
ד"ר גאָלדשטיין- אויגען-קראַנקהייטען פֿאָלאַק	1–2 7–8
ד"ר יוסטמאַן נערוען קראַנקהייטען	12–2 הויז זאַג.
ד"ר ראָזענצווייג קינדער-קראַנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פּאַפּיערני פֿרויען און געבורטס-הילף	11-1½ 5-6
ד"ר קאַנטאָר כירורגישע-קראַנק.	4½-5½ זאַג. 1–2
ד"ר ווייגבערג אינג. הערץ לונגען	12–1, 6½–7½
ד"ר סטופּעל רענטגען	12–2, 4–6
א. גראַ-יענטשיק צאָהן-ערצט	3–7
נ. ראָזעס צאָהן-ערצט	8–2

צאָהן-טעכניק, בעלײַכטונגען, קוואַרץ, מאַסאַזש א. א. וו.
בײַ דער לעטשניצע איז געעפֿענט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פֿון הויט קראַנקהייטען פֿון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען. פֿאַר דורכשטראַהלונג און דורכלײַכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטראָליזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. א קורס פֿאַר שוועסטער.
איבערבינדונגען שפּריצען (שפּריצען) פֿון 4–5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפֿען זונטאָג
וויזיט אין דער שטאָט.
ערצט.-קאָסמעטיש. קאַבינעט
פּרל. מאַרקוס נעהמט אָן פֿון 5–7 אָוונט

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פֿון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פֿאַר וועגערישע הויט-קראַנקע, און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פֿון בלוט און אויספֿלוס אויף סיפֿיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פֿון אורא-לאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען. קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאָסמעטיק.
– – טעגליך פֿון 8 פֿריה ביז 9 אָוונט. – –
פֿון 11 ביז 12 בײַ טאָג און פֿון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן א פֿרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פֿרויען
זונטאָג פֿון 9 פֿריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
– בעזונדער וואַרטע-צימער פֿאַר פֿרויען. –
וויזיט 3 זל.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פֿאַר אויערן-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקה.
קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפֿאָן 27-31.
שפּרעכשטונדען פֿון 12–2 און פֿון 5–7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע, זגיערזשער 17 פֿון 10–11 און פֿון 2–3

א סטודענט
פֿון העכערע מאַטעמאַטיק לערנט דערוואַקסענע מאַטעמאַטיק און שפּראַכען (פּויליש, דײַטש, פֿראַנצויזיש און לאַטײַן) גרייט צו שילער צו אַלע גימנאַזיאַל-קלאַסען און גרייט צו סטודענטען צו מאַטורע-עקזאַמענס פֿון לאַ-טײַניש און פּסיכאָלאָגיע. נײַע ציגעלניאַ 17, וואוינונג 21 (רעכטע אָפֿיצינע ערשטער שטאָק.)

Dr. med.
LAJCHTER
צאָהן-כירורג
Chor. szczęk, dziąseł, podniebienia, języka it.p.
przeprowadził się na ZIELONĄ 9
I p.front, **tel. 149-66**
od $1^1/_2$–5 po poł.

בוכהאַלטעריע
ווי אויך מאַשין-שרײַבען און רעכנען לערען איך אויס גרונדליך פֿאַר 30 זל. בלויז מאַשין-שרײַבען 10 זל. צוזאַמען 55 (פֿריהער זאַוואַדזקאַ 44) רעכטע אָפֿיצינע וו. 15 ערשטער אַנגאַנג. בעמערקונג: מיר ערטיילען אויך קאָרעספּאָנדענץ, האַנדעלס-אַריטמעטיק און סטענאָגראַפֿיע

Dr. med.
G. Gersztajn
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר אויגען-קראַנקהייטען
טראַוגוטאַ 12.
טעל. 175-10.
נעהמט אָן פֿון 11–1 בײַטאָג און פֿון 7–8 אָוו.
6162

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78
הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און ליפּשטראַלינגען. נעמט אָן פֿון 4–7 אין אָוונט

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג-אַקושער
זגערזשער 11.
טעל. 134-72
נעמט אָן פֿון 6–8 אָוונט

Dr.
HELLER
ספּעציאַליסט פֿאַר הויט-וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.
נאַווראָט 2 טעל. 79-89.
נעמט אָן ביז 10 פֿריה און פֿון 4–8 אָוונט. פֿאַר פֿרויען ספּעציעל פֿון 4–5 נאָכמ.
פֿאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרײַזן.

ל עכער
מאַשינאָוועס
ווערן אָנגענומען צו ביליגע פּרײַזן
ג. נאַרדמאַן, ציגלג. 92

Kino MIMOZA
ul. Kilińskiego 178.

הײַנט און פֿאָלגענדע טעג!
גרויסע פּרעמיערע!
לעצטער ראַמאַנס
אין די הויפּטראָלן:
Iwan Petrowicz i Hr. A. Esterhazy
צו דעם בילד ווערט צוזינגען א ספּעציעל אָנגאַזשירטער רוסישער כאָר, וועלכער ווערט אויספֿיהרען א רייהע רוסישע לידער.
נעכסטער פּראָגראַם: „פּרוכטבאַרקייט"
אין די הויפּטראָלן: **Gabriel Garbo i Diana Karenne**

קאָנקורענץ!
אין ערשטקלאַס. דאַמען- און הערן-פֿריזיער-אַנשטאַלט
מ. קופּקאַ, פּאָלודניאָוואַ 12
...נען די פּרײַזן, צוליב'ן קריזיס, געוואָרען פֿאַרקלענערט:

דאַמען-סאַלאָן:		הערן-סאַלאָן:	
...ערען דאַמען	80 גר.	ראַזירען מיט קעלניש-וואַסער	40 גר.
...ערען שילער	60 גר.	ראַזירען און שערען	1 זל.
...וואַסער-אָנדולאַציע	1.50 זל.	שערען	70 גר.
...ייזען-אָנדולאַציע	1.— זל.	שערען א יונגעל	50 גר.
...קאָפּ-וואַשען מיט טרוקענען	1.— זל.	קאָפּ-וואַשען	50 גר.
...מאַניקיר	70 גר.	מאַסאַזש	50 גר.

...פֿאַרבען די האָר, ברעמען און ווינפּערן און אַלע אַרבעטן צו צוגענגליכע פּרײַזן.
...רשטקלאַסיגע בעדינונג! ערשטקלאַסיגע בעדינונג!

PERLA i POMORSKI, Łódź
Piotrkowska 69, tel. 208-2...
...ספּעציאַל נײַ-מאַשינען **Union Special** נײַע און גענוצטע.
...טריקאָטאַזשן, קריטע, טאַמבורעציע, לעכער ...גנדשקעס. טריקאָטאַזשן, אָבערלאָק, אונטערלאָק, מאַ...שינען פֿאַר אַפּרעטורען, פֿאַרבערײַען, מישען פֿאַר קראַפֿט-בעטריב פֿאַר שנײַדער, שוסטער, קאַמאַשען– א. ז. וו. – נײַ-מאַשינען שטעפּער, שטיקער, שנײַדערינס אז"וו
רעפּעראַטורען
...גרעסטע רעפּעראַטור-ווערקשטעל אין לאָדז
אַרבײַט שנעל און ביליג.

די בעסטע שיך-פּאַסטע
„Jaśniej słońca"
איבעראַל צו בעקומען.
הויפּטפּערטרעטער אויף לאָדז און אויף דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע
Perfumerja D. MARKUS
Łódź, Piotrkowska 59
tel. 128-02.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

אין וואונדערלאנד פון דער מאדערנסטער טעכניק

א זשורנאליסטען-בעזוך אין דער לאדזער אויטאמאטישער טעלעפאן-צענטראלע

נעכטען האט די טעלעפאן-געזעלשאפט איינגעארדנט א פרעסע-אויספלוג אין דער נייער אויטאמאטישער טעלעפאן-סטאנציע. אויף אלעי קאשטשושקי גאס, אין דעם פרעכטיגן נייעם בנין פון דער געזעלשאפט האבען זיך פערזאמעלט א צוואנציג זשורנאליסטען און בעוואונדערט די נייעסטע טעכנישע אויפטואן אויפ'ן געביט פון טעלעפאניע.

די לאדזער אויטאמאטישע סטאנציע איז איינע פון די מאדערנסטע. דא זענען געמאכט געווארען די לעצטע טעכנישע איינארדנונגען, וועלכע זענען א מוסטער נישט נאר אין פוילען, נאר אין דער גאנצער וועלט. אמת, לאדז איז נישט די ערשטע שטאט אין איראפא וועלכע האט בעקומען אויטאמאטישע סטאנציעס, אבער די לאדזער סטאנציע האט די נייעסטע טעכנישע אויפטואן אויף דעם געביט.

די לאדזער אויטאמאטישע טעלעפאן-סטאנציע איז איינגעארדנט אזוי, אז זי וועט קענען בעדינען דרייסיג טויזענד אבאנענטען, ביז איצט זענען שוין פערבונדען מיט דער שטאט קרוב 9 טויזענד אבאנענטען און נאכפראגעס זענען שוין פארהאן אויף נאך 3500.

די סטאנציע גופא איז נאך מעהר צו בעוואונדערן צוליב איהר איינפאכקייט און פערהעלטנישמעסיג קליינעם רוים וואס זי פערנעמט. מיר קענען זיך דא, נאטירליך, נישט איינלאזען אין א טעכנישער אפהאנדלונג וועגען דער סטאנציע, דער בעזוכער נישט-פאכמאן קאן נאר זיך ענטציקען פון דעם טעכנישען וואונדער וואס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען ביי דעם אויטאמאטישען פערבינדען פון איין אבאנענט מיט'ן צווייטען. דאס אלץ געהט אזוי פרעציז און שנעל, אהן איבריגען גערויש, ציכטיג און פינקטליך, אז דער מענשליכער פערשטאנד זאגט זיך אפ צו בעגרייפען, אז אזא קאמפליצירטער ענין ווי דאס פערבינדען די טעלעפאנען זאל געמאכט ווערען נאר דורך קליינע מאשינדעלעך און קעסטעלעך אהן דער מיטהילף פון מענשליכע הענד. ס'זענען נאר פערהאן געצעהלטע מענשען, אויף דער סטאנציע, וועלכע זעהען ווי קליינע שרייפעלעך פון דעם גרויסען וואונדערבארען מעכאניזם.

די טעלעפאן-אבאנענטען דארפען וויסען, אז וועגען יעדער קלענסטער בעוועגונג, וואס ס'ווערט געמאכט ביים אפאראט אין דערהיים, ווייסט מען אויף דער טעלעפאן-סטאנציע. דער קאנטראל-טיש וועלכער ווערט בעדינט דורך 3 טעלעפאניסטקעס בעמערקט אלע נישט ראציאנעלע מאניפולאציעס פון אבאנענט ביים אפאראט. נעהמט איינער אראפ דאס טרייבעל און דרעהט נישט די נומערען, אדער דרעהט איינער אן 3 אדער 4 ציפערען אנשטאט 5, הענגט ער נישט צוריק אויף דאס טרייבעל, — צינדט זיך אן דעם אבאנענטס לעמפעל. ביי דעם קאנטראל-טיש, די טעלעפאניסטקע בעמערקט עס תיכף און נאטירט דאס. אזוי אז מ'דארף זיך נישט איינרעדען, דאס מ'קען ווירקליך מאנירן פולירען מיט'ן אפאראט, ווייל קיינער בעמערקט דאס נישט.

ווי די דירעקטארען פון דער טעלעפאן-געזעלשאפט ערקלעהרען, האט זיך דאס לאדזער פובליקום זעהר שנעל צוגעוואוינט צו דעם אויטאמאטישען אופן פון טעלעפאנירען און פערהעלטנישמעסיג ווייניג געשעהט עס דעם נארמאלען גאנג פון דער סטאנציע פון ערשטען טאג פון איהר פונקציאנירען. ס'איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז די גאנצע ארבייט אויף דער אויטאמאטישער סטאנציע איז אויסגעארבייט געווארען אויסשליסליך דורך פוילישע ארבייטער, אונטער דער אויפזיכט פון איין איינציגען שוועדישען אינזשעניער.

די זשורנאליסטען האבען אויך בעזוכט די הינטערשטעטישע סטאנציע, וואו די פערבינדונג קומט נאך פאר אויפ'ן אלטען שטייגער און אויך די אפטיילונג פון די „ליטשניקעס". יעדער טעלעפאן-אבאנענט האט א „ליטשניק" אין דער גרויס פון 3 קוו. צענטימעטער, וועלכער ווייזט די צאהל ארויסגעפיהרטע געשפרעכע. כדי די אבאנענטען זאלען זיך נישט דארפען בעקלאגען אז זיי ווערען בעוואלהט דורך די „ליטשניקעס" האט די טעלעפאן-געזעלשאפט איצט איינגעארדנט די „ליטשניקעס" אויף דעם אופן, אז זיי וועלען קענען פאטאגראפירט ווערען. א חוץ דעם וועלען דעם לעצטען טאג פון יעדען חודש די „ליטשניקעס" פאטאגראפירט ווערען, כדי דער אבאנענט זאל זיך שפעטער קענען איבערצייגען, אז ער האט ווירקליך ארויסגערופען די אנגעגעבענע צאהל געשפרעכען.

ווייטער ווערט איצט אויף דער אויטאמאטישער סטאנציע געמאכט פרובען מיט דער נייעסטער רעדענדיגער מאשין. אנשטאט דעם, וואס ביז איצט בעקומט מען סיגנאלען אז די סטאנציע איז גרייט אויפצונעהמען דעם אבאנענט, אדער אז דער נומער איז גרייט אויפצונעהמען דעם אבאנאמענט, וועט מען בעקומען קלאהרע ענטפערען ווי „צענטראלא", „לאנטשען" אדער „זאיענטי", די ערשטע פרובען גיבען שוין גוטע רעזולטאטען און בקרוב וועט דאס איינגעפיהרט ווערען אין לעבען.

די גאנצע איינארדנונג איז דאס לעצטע וואונדער פון דער טעכניק.

די זשורנאליסטען זענען זעהר פריינדליך אויפגענומען געווארען און בעקומען ערקלעהרונגען פון הויפט-דירעקטאר אויף פוילען אלענצקי, דירעקטאר פון דער לאדזער אפטיילונג אוליצקי, טעכנישער לייטער אויף גאנץ פוילען דער שוועדישער אינזשעניער הערבערג, די אינזשעניערען ראטאצקי און רושע דושינסקי און דעם אדמיניסטראטיווען לייטער מיש קאראווסקי.

14 פרייטאג
ט"ז שבט תר"צ

פעברואר
זון-אויפגאנג 6 58
זון-אונטערגאנג 4 43
ליכט-צינדען: 4 32

יאהרגאנג 1908

ווערט שוין ארייננעצויגען אין מיליטער

(ז) ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען אין לויפענדען חודש ארייננעצויגען ווערען אין די מיליטער-רייהען דער יאהרגאנג 1908. וועלכע זענען אין דער פאר-קאמיסיע אנערקענט געווארען פאר פעהיג צו מיליטער-דינסט.

אין דער ערשטער רייה וועלען ארייננעצויגען ווערען די אפטיילונגען פון דער ארטילעריע. די בערופונגס-קארטען זענען שוין דורך דער מיליטער-פאליציישען בורא ארויסגעשיקט געווארען. צום סוף פעברואר וועלען ארייננעצויגען ווערען די אפטיילונגען פון אנדערער בעוואפנונג.

ס'ווערט טאקי ביליגער ברויט

אבער פרנסה קומט אן—מיט'ן טויט

(מ) אין מאגיסטראט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער קאמיסיע פעסטצושטעלען די פרייזען אויף ברויט.

ס'איז בעשלאסען געווארען צו פערקלענערען דעם פרייז פון קארן-ברויט ביז 38 גר. פאר א קילא, ראזאווען — ביז 32 גר. א קילא; ווייצענע מעהל — 55 פראצ. — 64 גר. פאר א קילא און 65 פראצענטיגע — 60 גר. דער בעשלוס איז בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן מאגיסטראט און די נייע פרייזען וועלען זיין גילטיג פון מארגען שבת אן.

אומזאץ-„זעזנאניעס"

מארגען-דער לעצטער טערמין

(ב) מארגען איז דער לעצטער טערמין פון אפגעבען „זעזנאניעס" וועגען אומזאץ פאר'ן יאהר 1929. „זעזנאניעס" דארפען אפגעגעבען ווערען אויף ספעציעלע פארמולארען אין די פינאנץ-אמטען. אקציען-געזעלשאפטען גיבען אפ די „זעזנאניעס" דירעקט אין די פינאנץ-קאמערן.

פאר נישט אפגעבען די „זעזנאניעס" דראהט א שטראף פון פופציג ביז פינף הונדערט זלאטע. פאר פאלשע „זעזנאניעס" דראהט אין איניגע פעלע ארעסט ביז דריי חדשים.

די בעמיהונגען פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אז דער טערמין פון אפגעבען די „זעזנאניעס" זאל פערלענגערט ווערען האבען קיין ערפאלג נישט געבראכט. און דער טערמין וועט נישט פערלענגערט ווערען.

דיזעלבע דעפעשען

אויף פערשידענע אדרעסען

(ב) לויט א פעראָרדנונג פון צענטראל-אמט וועלען די טעלעגראף-אמטער אננעהמען טעלעגראמען פון דעמזעלבען אינהאלט אויף עטליכע אדרעסען. פאר אזא דעפעשע אויף עטליכע אדרעסען וועט מען דארפען צאהלען נאר נאך 50 גראשען צו דער געוועהנליכער טעלעגראמע.

א חודש ארעסט פאר פעלשען שטעמפלען

און חתימות און קראנקען-קאסע-ביכלעך

(ח) די ארבייטסלאזע סטאניסלאוו רעמסקי, (בליזנאווא 19), סטעפאן מאטושעווסקי (ספארנא 24) און פעליקס סמאושינסקי (זשעראמסקא גאס 6) זענען נעכטען געשטאנען פאר'ן קרייז-גריכט, בעשולדיגט אין דעם, אז זיי האבען געפעלשט די שטעמפלען און אונטערשריפטען פון די פירמעס, וואו זיי האבען געארבייט, אויף די קראנקען-קאסע-ביכלעך, כדי צו קענען ווייטער געניסען פון דער פערזיכערונג אין קראנקען-קאסע.

דאס גריכט האט אלע דריי פערמשפט צו 1 חודש ארעסט.

פערשטארקטע בעלייכטונג אין די גאסען

(ט) אין דעם פערגאנגענעם חודש איז געלאזט געווארען אין גאנג די נייאינסטאלירטע עלעקטרישע בעלייכטונג פון די גאסען: זשעלאזנא (אויף באלוט) מאלא-שיקאווסקא, זשאביא, זשוראווא, גענשא, קושטשאווא, נאפאלאנסקא, מיצקיעוויטש, גראבאנסקא, ניי-זגערשער, טאקאושעווסקא און מלנארסקא.

א חוץ דעם איז פערשטארקט געווארען די בעלייכטונג אויף דער פראנציסקאנער גאס, וואו עס זענען אינסטאלירט געווארען פיער 500-וואט-לאמפען. אין אלגעמיין זענען אויף די גאסען אינסטאלירט 86 לאמפען צו 300 און 100 וואט.

לאדז אין דעם שטעט-פערבאנד

לאווניק יאעל'ס אויסבעסערונגען צום תקנות-פראיעקט וועגען די בעפעלקערונגס-רשמות

(—) נעכטען איז אין ווארשא פארגעקומען א זיצונג פון דער פערוואלטונג פון שטאט-פערבאנד אין פוילען, אין וועלכער צוזאמענפאהר האבען זיך בעטייליגט דער לאדזער פרעזידענט זשעמיענסקי, וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי און לאווניק יאעל.

ס'זענען בעראטען געווארען א רייה פראגען צוו. א. ג. די פראגע וועגען די בעפעלקערונגס-רשימות. וועגען דער דאזיגער פראגע איז דעם 16. מערץ 1928 י. ערשינען א פעראָרדנונג. איצט דארפען ערשינען די אויספיהרונגס-תקנות צו דער דאזיגער פעראָרדנונג.

לאווניק יאעל האט איינגעטראגען א רייה אויסבעסערונגען צום תקנות-פראיעקט, לויט וועלכע מעהר ווי א העלפט פונקטען זאלען געענדערט ווערען. ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע פון 5 שטעט: ווארשא, לאדז, פוזען, לעמבערג און ווילנא. די דאזיגע קאמיסיע זאל אויסארבייטען די פארשלאגען און איבערשיקען זיי אין אינערן-מיניסטעריום.

נאכדעם איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען שאפען א פערבאנד פון די רעגירונגס-קאמיסארען, כדי צו בריינגען אויך די קליינע שטעט. אין דער קאמיסיע, וואס דארף אויסארבייטען די פארשלאגען פאר'ן קומענדיגען צוזאמענפאהר, זענען געוועהלט געווארען: פר. ד"ר בורזינסקי-פיליניא, זראנאוויטש און לאווניק יאעל. דער קומענדיגער צוזאמענפאהר פון די שטעט-פערוואלטונגען וועט פארקומען אין ווארשא, וואהרשיינליך אין דער צווייטער העלפט פון מאי.

ווען ענדיגט זיך דער קריזיס?

אויף דער אין אויף אנדערע פראגען ענטפערט א יונגער טעלעפאט

א גרויסע פראינטערעסירונג האט ארויסגערופען אין אונזער שטאט דער טעלעפאטישער כוח פון דעם 16-יעהריגען טעלעפאט וו. ארימיר זווירליטש. זווירליטש איז שוין ארויסגעטרעטען אין א רייה שטעט אין איראפא מיט גרויס ערפאלג. אין יאהר 1917 האט א ספעציעלע קאמיסיע פון געלעהרטע פון דער פוילישער מעטאפסיכישער געזעלשאפט אין ווארשא אנערקענט פאר גלויבווערדיג כמעט אלע עקספערימענטען וועלכע זענען ארויסגעפיהרט געווארען מיט'ן יוגנטליכען טעלעפאט.

דאס מאל איז זווירליטש ארויסגעטרעטען אין קינא „ספולדזשעלניא" איינעם זשורנאליסטען פון די א וויזענדע האבען געשטעלט דעם טעלעפאט, בעת ער האט זיך געפונען אין טראנס, איניגע פראגען.

אויף דער פראגע, ווען עס וועט זיך ענדיגען דער קריזיס אין פוילען — האט ער געענטפערט, אז צום סוף פון'ם לויפענדען יאהר נאך א פלוצימדיגער ענדערונג פון דער איצטיגער פאליטישער ארדנונג. פוילען וועט געזונדער און שטארקער ווערען.

— ווער איז און וואו געפינט זיך דער דיסעלדארפער מערדער?

— דער מאססען-מערדער וועט נישט אזוי שנעל אויסגעפונען ווערען, ווייל ער געפינט זיך איז אנגענען קאנטאקט מיט דער פאליציי, וועלכע פערשווערט ספעציעל די אויספארשונג. ער וואוינט אין דיסעלדארף, איז א מענש פון מיטעלער וואוקס שמאל-ק געבויט, און רופט זיך אדער הייסט „האגס".

— צי לעבט, און וואו געפינט זיך גענעראל קוטיעפאוו?

— נישט קוקענדיג אויף אלע בעהויפטונגען, איז גענ. קוטיעפאוו איז אזעקנג-ווירט און נעדרעגעט געווארען דורך די בעאמטע פון דער חוסר שער ג.פ.או. איז ער אליין אנטלאפען געהיים קיין איטאליען כדי צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט זיינע ערגסטע שונאים — די סאוויעטישע קאמיסארען, וועלכע די רוסישע עמיגראציע האלט פאר די מערדער פון'ם גענעראל.

עס זענען נאך ארויסגעפיהרט געווארען איניגע עקספערימענטען, וועלכע מען האט פאלר געקענט דורכקאנטראלירען — אלע זעהר געלונגען.

קאמף געגען פראסטיטוציע

שאפען א בירגער-קאמיטעט צו שטיצען נויטליידענדע פרויען און מיידלעך

אין דער שטעטישער סטאראסטווע איז אונטער פארזיץ פון סטאראסטע ריכטאלעוויטש ביים אנטייל פון ד"ר ווייגאנד, לייטער פון דער סאניטארער אפטיילונג, ד"ר ראבראווסקי, פאליציי-קאמענדאנט ניערושעלסקי, קאמיסאר ווייער, סטאראסטע זשעווסקי פארגעקומען א קאנפערענץ געווידמעט דער פראגע וועגען בעקעמפען די פראסטיטוציע, אלס רעזולטאט פון דער קאנפערענץ האט מען ארויסגעגעבען די פאליציי-קאמיסאריאטען פארשריפטען אויפמערקזאם אכטונג צו געבען אויף דעם, אז די פראסטיטוטקעס זאלען זיך נישט בעווייזען אין די גאסען ביי טאג און אין א שיכור'ן צושטאנד. עס דארף אויך גענוי אכטונג געגעבען ווערען, אז די גאסען-פרויען זאלען זיך צושטעלען צו די קאנטראלעס.

א חוץ דעם איז בעשלאסען געווארען אין די נאהענטסטע טעג צו בילדען א בירגער-קאמיטעט, וועלכער זאל קומען מיט מאטעריעלער הילף די פרויען, וועלכע געפינען זיך אין א שווערער נויט, כדי נישט צו דערלאזען צו דער פערשפרייטונג פון דער פראסטיטוציע. צו הילף צו דער ארבייט קומט די זעלבסטפערוואלטונג וועלכע האט בדעה איינצוארדנען ספעציעלע אנשטאלטען פאר מאראליש געפאלענע פרויען.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20 | דער כהן-גדול פון די חזנים, דער גאטס-געזאלבטער שלוח-צבור פון פאלק ישראל | מאנטאג, ד. 24. פעברואר 8.30 אין אווענד

ניו-יארקער אבערקאנטאר אונפערגלייכליכער מנגן

זיידעל ראוונער (זיינוועל)

קאנצערט

קווארטין

טרעט אויף נאר מיט 1 קאנצערט

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאסע פון „פילהארמאניע".

15076

סוחרים דארפען נישט איבעריג האפען

אויף א ראדיקאלער ענדערונג, אדער בעדייטענדער פערלייכטערונג אין שטייערען-סיסטעם

דיסקוסיע-פערזאמלונג אין סוחרים-פעראיין, פעטריקאווער 73

אין צוזאמענהאנג מיטן הערשענדן קריזיס, וואס האט בפרט שווער געטראפען דאס לאדזער סוחרטום, איז מיטוואך אין אזייגער אין מיטגלידער־קלוב פון סוחרים־פעראיין (פעטריקאווער 73) פארגעקומען א גרויסע דיסקוסיאנס־פערזאמלונג וועגן דער איצטיגער לאגע. צו דער פערזאמלונג איז געקומען אן עולם פון א 400 מאן, אלץ סמאבילע אלטע סוחרים. אזוי ווי אלע פערזאמלונגען פונ'ם אויגן סוחרים־פעראיין, איז אויך די דאס מאל געווארען אין א רוהיגען, כמעט אקאדעמישען טאן.

דער פעראיינס־פארזיצער ד"ר זאקס האט געהאלטען א לענגערען רעפעראט, אין וועלכען ער האט אנגעוויזען אויף די אלגעמיינע סיבות פונ'ם קריזיס, און שפעטער אריבערגעגאנגען צו אנדערע פראגען.

דער רעפערענט האלט, אז דער איצטיגער קריזיס איז ענג פערבונדען מיט'ן אלגעמיינעם וועלט־קריזיס. ער איז אבער נישט פריי פון לאקאלע סיבות. די אלגעמיינע בעסע אויפן וועלט־מארק אויף כמעט אלע ארטיקלען האט רעאקציאנער געווירקט אויפ'ן אויסטויש, היינט ערטערהייז געשאפען א פאניק, און ס'איז געוועזען יעניגע אפגעמער זענען די מערק פערפולט געווארען מיט סחורה. אין לאדז איז דער קריזיס ארויסגערופע געווארען דורך אן איבערפראדוקציע פון טעקסטיל רויה־מאטעריאלען (גארן א. א. ג.) און שפעטער פון טעקסטיל־סחורה. צו דעם איז צוגעקומען די פערקלענערטע קאנסומציע, וואס האט נאך מעהר פערטיפט דעם קריזיס.

ביידי האזינע בעדינגונגען, ווערען די צו גרויסע שטייערען, וואס דאס סוחרטום האט אויסצוהאלטען ובפרט דעם אומזאץ־שטייער, ממש א פלאג, וועלכען ס'ייקענען נישט איבערטראגען. די פערוואלטונג פון סוחרים־פעראיין אויף איינענער האנד און דורך דער פערמיטלונג און מיט דער הילף פון דער האנדעלס קאמער האט פארגענומען א רייה שריט וועגן פערלייכטערען די סוחרים פון זייער איבערלאסטונג.

נאכדעם האט דירעקטאר היימאן בעריכטעט וועגן די שריט, וואס דער סוחרים־פעראיין האט פארגענומען, כדי צו ענדערען די פראיעקטירטע נאוועלע צום אומזאץ־שטייער. ער האט אבער אנגעוויזען, אז דאס סוחרטום דארף איצט נישט לענגען קיין צו גרויסע האפנונגען אויף א ראדיקאלער ענדערונג און אפילו אויף א בעדייטענדער פערלייכטערונג אין שטייערען־סיסטעם.

נאכדעם ווי ס'זענען נאך געגעבען געווארען איניגע אויפקלערונגען, האט ד"ר זאקס חייטער בעריכטעט וועגן דער אקציע צו פעראיינהייטליכען די קרעדיט־געזעצגעבונג אין פוילען. דאס עקזיסטירען פון באזונדערע געזעצען אין פערשידענע פוילישע ראיאנען, און דאס בענוצען זיך מיט פערעלטערטע פעראדנונגען, שאפט גרויסע שוועריגקייטען פאר די קרעדיטארען צו היטען זייער פערמעגען, און שאפט א ברייט פעלד פאר מיסברויכען. אויף א. אן פנאמע ביים האנדעלס־מיניסטער קאמיטעט, האט ד"ר זאקס בעקומען א תשובה, אז הגם די רעגירונג גיט זיך אפ וועגן דער לאגע א דין וחשבון, וועט אבער די דורכפירונג פון דער אוניפיקאציע דויערען נאך א פאר יאהר. א געוויסען ערפאלג האבען געהאט די בעמיהונגען וועגען קרעדיט פאר'ן סוחרטום אין „באנק פאלסקי" א דאנק דער אינטערווענץ פון דער האנדעלס־קאמער, וועלכע איז געשטיצט געווארען דורך, האנדעלס־מיניסטער קוויאטקאווסקי. האט די „באנק פאלסקי" פערלאנגט א רשימה פון די סוחרים, וועלכע ווילען געניסען פון דירעקטען קרעדיטען.

א בעזונדער קאפיטעל, אויף וועלכען דער רעדנער פערענט האט זיך ברייטער אפגעשטעלט, איז די פראגע וועגען קארטעלען. דער רעפערענט האט אנגעוויזען, אז די אויסזיכטען פון א גרויסען קאפיטאל צופלוס פון אויסלאנד זענען גאנץ קליינע. אז די אינדוסטריע אין פוילען וועט פריהער צו שפעטער זיך קארטעליזירען, שוין איצט זענען אין פוילען טעטיג 16 אינדוסטריע־קארטעלען, און ער האט סו רטום וועט האבען אנ'אינטערעס נאר פאר די קארטעלען וואס וועלען זוכען די מיטארבייט פונ'ם סוחרטום, אין דער היגזיכט זענען אינטערעסאנט די ציפערען פונ'ם צעמענט־קארטעל, וועלכער האנדעלט דירעקט מיט די מאגיסטראטען און רעגירונגס־אינסטיטוציעס אבער ביי וועלכען דאס סוחרטום נעהמט אנטייל אין 77 פראצענט פון זיין פראדוקציע בעת אין 1926 י. איידער דער קארטעל איז געשאפען געווארען, האבען די סוחרים אפגענומען בלויז 45 פראצ. פון זיין פראדוקציע, אבער אין די פראדוקציע וואס אויך אויסגעוואקסען (פון 200 טויזענד טאן אין 1926 י. ביז 761 טויזענד טאן אין 1928 י.).

ה' מ. הערץ האלט, אז אויב די קארטעלען וועלען קענען זיך בעגעהן אהן דעם סוחר, וועלען זיי עס טאן. אזוי איז מיט די אייזען־הוטען — פאר די באהנען ליווערען זיי דירעקט, האנדעלס־אייזען — פערקויפען ז יידורך די סוחרים; צעמענט־קארטעל פערקויפט פאר די באהנען, מאגיסטראטען א. א. וו. זיין פראדוקציע דירעקט, אבער ער מוז דערפון אנקומען אויך צו די סוחרים. דאסועלבע וועט זיין מיט דעם טעקסטיל־קארטעל, וועלכער וועט זיך כוח כל סוף אינטערעסירען. ער וועט מוזען אנקומען צום סוחר, ווייל אהן איהם וועט ער זיך נישט קענען בעגעהן. דאס טעקסטיל־סוחרטום מוז זיך בעצייטענס פארבערייטען, כדי — אז דער קארטעל וועט צושטאנד קומען — זאלען די סוחרים נישט זיין רעפרעזענטירט.

נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען די דיסקוסיעס, אין וועלכע ס'האבען אנטיילגענומען א רייה רעדנער, אייניגע פון זיי האבען אנגעוויזען אז די רעגירונג וועלכע שטרעבט צו א שטארק און גרויס פוילען, וויל אלע נויטיגע אויסגאבען מאכען אויף חשבון פון אין דור, בפרט פון איין טייל בעפעלקערונג.

אנדערע האבען אנגעוויזען, אז מ'דארף שטארקער ארגאניזירען דאס סוחרטום, וועלכע שפילט א וויכטיגע ראל אין מלוכה־לעבען, און מוז האלט פיהרען א שווערע קאמף פאר א. ר. ווירטשאפטליכער פאזיציע. ביידי איצטיגע פערהעלטנישען, ווען דער סים רעפרעזענטירט 70 פראצ. פון דארף, ווער רען אלע לאסטען איבערגעווארפען אויף די ווירטשאפטליכע ספערען פון שטאט. ס'קומט אויס צו פיהרען א שווערען קאמף, וועלכער וועט לאנג דויערען, אבער דער קאמף דארף געפיהרט ווערען.

צום סוף האט ד"ר זאקס רעזומירט דאס אנגענומענע און אפעלירט צו די פערזאמעלטע, אז זיי זאלען נישט פערלירען די ענערגיע, אויסדויער און קאלט בלוט.

דער קריזיס איז אן איבערגעהענדע ערשיינונג, וועלכע וועט איבערדויערען ווערען, בפרט ווען די רעגירונג וויל דערצו מיטווירקען.

צום סוף איז אנגענומען געווארען א רייה רעזאלוציעס: 1) די נאוועלע צום אומזאץ־שטייער, וואס דארף איצט בעהאנדעלט ווערען דורכ'ן סיים, זאל אנגענומען ווערען אין דער רעדאקציע פון דער האנדעלס־קאמער;

2) פאר די הורט־געשעפטען, וועלכע האבען נישט געפיהרט קיין ביכער זאל דער אומזאץ־שטייער פאר 1929 בעטרעפען 1 פראצ. פון אומזאץ;

3) פאר'ן 1929 י. זאל נישט איינגעמאנט ווערען די 4 „זאליטשקע" פון אומזאץ־שטייער, ווייל די אומזאצען האבען זיך פערקלענערט; 4) וועגען שטייער־אמנעסטיע און וועגען פונאנדערלעגען די אלטע שטייער־חובות אויף מעהרערע ראטען.

אויך בנוגע די קרעדיטען אין „באנק פאלסקא" וועגען פעראיינהייטליכען די קרעדיט־געזעצגעבונג און וועגען די קארטעלען זענען אנגענומען געווארען רעזאלוציעס אין זין פון די ארויסגעזאגטע מיינונגען.

נעכטען איז געמשפט געווארן דער יודישער מיטגליד

פון קאטשמארעקס באנדיטען־באנדע

(2) אין קריידגעריכט איז נעכטען בעהאנדעלט געווארען דער פראצעס געגען איינעם פון דער באנדע פון קאטשמארעק און שטשעטשינסקי. — דער יוד יעקב שלמה האלצמאן. פון א. עקסאנדער, בעפינט אין ערמארדען מיט א רויב־צוועק דעם עלטער אהרן מרדכי קאלניעוש אין קאנסטאנטין.

אין בעשולדיגונגס־אקט ווערט דערצעהלט, אז אין דער נאכט פון 4־טען אויפ'ן 5־טען דעצעמבער 1928 האבען זיך אין דער וואוינונג פון געוועלבער אהרן מרדכי קאלניעוש אין קאנסטאנטין, בעת אלע זענען געשלאפען, אריינגעכאפט צוויי באנדיטען בעוואפענט אין רעוואלווערן און גענומען ראבירען. עס האט זיך אויפגעכאפט דער בעל־הבית פון דער וואוינונג, די באנדיטען האבען אויסגעשאסען און איהם אויפ'ן ארט דערהרגעט.

דעם אפקלאנג פון די שאסען האט דערהערט קאלניעוש'ס ברודער, וועלכער וואוינט בשכנות. ער איז צו צום ברודערס שטוב און אנגעהויבען קלאפען אין די פענסטער. די באנדיטען האבען זיך דערשראקען און זענען אנטלאפען. די פאליציי־אויספאשונג האט א לענגערע צייט צו געווארישט גערבראכט; ערשט ווען מען האט ליקווידירט די באנדע קאטשמארעק—שטשעטשינסקי איז מען דערגאנגען אז איינער פון דער באנדע, דער יוד האלצמאן איז דער שולדיגער אין מארד.

דער בעשולדיגטער האלצמאן איז זיך נישא מודה אין מארד און ערקלערט, אז אין דער קריטישער נאכט איז ער נעהען אין פארעמביע אויף א פערוויילונג ביי זיינעם א ברודער.

אין געריכט־זאל צווישען די עדות געפינט זיך אויך ראמאן שטשעטשינסקי, דער מערדער פון מיכאל קרול, און די רעכטע האנד פון קאטשמארעק, דעם ראש פון דער באנדע „די הערשער פון דער נאכט". שטשעטשינסקי האט ערקלערט אז בשעתו האט ער אנגעוויזען אויף האלצמאנען אלס אויף זיין מיטהעלפער אין מארד פון קרול'ן אלס נקמה פאר עפעס א סכסוך.

צום פראצעס זענען ארויסגערופען געווארען עטליכע צעהנדליג עדות.

פערשוואונדען געווארען

אן 18-יעהריגער יונגערמאן

פאראכטאגען פרייטאג איז ארויס פון שטוב פון זגערזשער 10 דער 18־יעהריגער סענדער נארפאס א נעוועזענער אנ עשטעלטער אין א לעדער־געשעפט אויף דרעוונאווסקא 2. קורץ געקליידעט אין א ברוינעם פאלטע און א ווייכען הוט. יעדער עס ווייסט עפעס וועגען איהם ווערט געבעטען מיטצוטיילען די פערצווייפעלטע עלטערן, זגערזשער 10, נארבאטש.

פירמע לעאנארד בעט א גאזור

(—) די גרויסע אקציען־געזעלשאפט פון וואל־אויסארבייטונגען „לעאנארד, גייער און וועלקער" האט אריינגעטראגען אין האנדעלס־געריכט א ביטע וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען („גאזור").

שטאטישער גליטש-פלאץ

(מ) נעכטען איז גענעפענט געווארען די דריטע שטעטישע גליטשערייז אין קאליען־פארק. דארט וועט זיך אויך געפינען א שאנקא און א טיי־האלע. די גליטשעריי וועט זיין אפען יעדען טאג פון 1 ביי־טאג. זונטאג און אין די חגאות — פון 9 פריה.

אפטייקען

היינטיגע נאכט־דיזשורען:

(2) נ. אנטאניעוויטש, (פאבריטשנער 50); ק. מארושינסקי, (פעטריקאווער 164); י. מאקאר־לעוויטש, (פשעיאזד 19); ר. רעמבעלינסקי, (אנדרזשעיא 28); י. חנרעלעוויטש, (פיעטרקאווער 25); קאספערקיעוויטש, (זגערזשער 54); ס. טראווקאווסקא (בזשעזינער 56).

פראטעסט פון „אגודת ישראל" יעקב ראזענהיים אין לאדז

זונטאג קומט קיין לאדז דער פרעזעס פון דער אלוועלטליכער „אגודת־ישראל"־ארגאניזאציע הר יעקב ראזענהיים פון פראנקפורט אמיין, וועלכער וועט א ווייטערען מיט א רעפעראט אין פילהארמאניע וועגען דער פאליטיק פון דער א ווהל. עס איז געשאפען געווארען א קבלת־פנים־קאמיטעט מיט'ן קהלה־פרעזעס ה' מינצבערג בראש.

א מאסען מיטינג פון די לאדזער יודישע האנדווערקער

אין צוזאמענהאנג מיט'ן שווערען קריזיס, וואס דער יודישער האנדווערקער לעבט איבער אין יעצטיגען מאמענט, אויך צוליב די נייע שטייערען־נארמען, וואס דארף קורצענס ערשיינען, האט דער צענטראלער יודישער האנדווערקער פערבאנד אין לאדז (פאלודניאווא 4) גערופען אויף מארגען 5 אזייגער א גרויסען האנדווערקער מיטינג אויף וועלכען ס'וועלען בעריכטעט ווערען אלע פראגען בנוגע דער יודישער מלאכה אין איצטיגען מאמענט.

צום מיטינג זענען ספעציעל געקומען רעפערענטען פון ווארשא און אנדערע שטעט, רעפרעזענטאנער און אנדערע.

אויפ'ן מיטינג וועט אויך אפגעגעבען ווערען א בעריכט פון לעצטען צוזאמענפאהר פון די יודישע ראטמענער און די האנדווערקער־קאמערען אין פוילען.

פון דער יודישער לאנדווירטשאפט-געזעלשאפט

מארגען שבת, 9,30 אין דער פריה קומט פאר אן אויספלוג אין רעדאקציע פון „רעפובליקא" זאמעלפונקט פיעטרקאווער 43.

פון 28־טען פעברואר ביז 3־טען מערץ ד. י. קומט פאר אן אויספלוג קיין ווארשא.

מען נעמט אן איינשרייבונגען אויף דעם קארטאגראפישען קורס אונטער דער ליטונג פון דר. בראדער, די פאטאגראפען סעקציע נעמט נאך אן איינשרייבונגען פון מיטגלידער צמטארן.

פון ציוניסטישען פאלקס-אוניווערזיטעט

די נאהנטסטע פארלעזונגען אין דער פאלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4) קומען פאר מארגען שבת 6 אווענד (פארלעזונג אין דער העברעאישער שפראך) איבער די יודען אין פוילען פראבלעמען: ד"ר פ. פרידמאן.

פון „ארט"

היינט, פרייטאג, 9.30 אווענד, מארגען שבת — צוויי פארשטעלונגען: 3.30 נאכמיטאג (א פאר פולערע פארשטעלונג צו ביליגע פרייזען פון 1,00—3,00 זל.) 9.45 צו געוועהנליכע פרייזען ווערט גע־שפילט דאס שלאגער־פראגראם „חי־געלעבט", וואס האט ארויסגערופען ענטציקונג ביים טעאטער־עולם.

אויף דער נייער וואך — פרעמיערע פון 3־טען פראגראם.

פון יודישען טעאטער

אין יודישען טעאטער אין פילהארמאניע ווערט היינט פרייטאג געשפילט „די נעכאמונגע חתונה" עס נעמט אנטייל דער טאנצער א. סאמבל. מארגען שבת ווערט נישט געשפילט.

די „שחיטה" אין פוילישען טעאטער

מארגען שבת ביטאג ווערט געשפילט אין שטאטישען פוילישען טעאטער יעקב גארדינס „שחיטה".

לאדזער קאמערן טעאטער „ארט" ל. 1 מאי 2
פיהרער נגל זאל
היינט, פרייטאג 9.30 ... פון 1 ביז 4 זל.
מארגען, שבת־2 פארשטעלונגען: 3.30 נאכם. א צאפעל.
פארשטעלונג פון 1 ביז 3 זל. 9.45 אוונד צו געוועהנליכע פרייזען.
ס'ווערט געשפילט: „חי־געלעבט" 18 שלאגער־נומערן 18

צאהן-דאקטאר L. Berger
זגערזשער 21, פראנט, 1 שטאק, צמפאנגס־שטהן פון 9,30 ביז 1 בייטאג און פון 5 ביז 8,30 אווענד.

CASINO CASINO
היינט און פאלגענדע טעג!
דאס גענιאלסטע מייסטערווערק פון אלע צייטען
דאס גאטלאזע מיידל
טראגעדיע פון מיידלעך, וועלכע האבען נישט די עלטערנ'ס אויפזיכט, ערצויגענע דורך דער געזעלשאפט אין די אויסבעסערונגס הייזער.
רעזשיסור: Cecile B. de Mille
אין די הויפטראלען:
MARY PREVOST
LINA BASQUETTE, NOAH BEERY,
EDDIE QUILLAN, GEORGE DURNEA
אנהויב 4.30 נאכמיטאג. שבת און זונטאג 12 ביי טאג
סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ל. קאנטאר.

תפלה „כל נדרי" — וועט זינגען
AL JOLSON
— אין פילם —
דער דזשאַרז-זינגער

גענעראַל-דעבאַטע איבער׳ן בודזשעט אין שטאָט-ראַט

5 (—) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאָט־ראַט וואָס איז פאָרגעקומען אונטער׳ן פאָרזיץ פון ד״ר שיפּמאַן האָט זיך פאַרענדיגט די גענעראַל־דעבאַטע פון בודזשעט, כ׳האָבן גערעדט פאַרשטעהער פון אַלע גרופּען, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט־ראַט. די אָפּאָזיציע האָט שאַרף קריטיקירט דעם בודזשעט פּרעלימינאַר, די פאַרשטעהער פון דער מעהרהייט האָבן פאַרטיידיגט די מאַגיסטראַט־פּאָליטיק.

פון די יודישע ראַטמענער זענען מיט גרעסערע רעדעס אַרויסגעטרעטן די ראַטמענער: ליכטענשטיין, אינוש, פּראַשקער, מינצבערג, פּיאַלער און ד״ר שיפּמאַן.

די רעדעס פון די יודישע ראַטמענער וועלען מיר ברענגען אין זונטאָגדיגען נומער.

פערצווייפעלטע לאַגע ביי די שניידער כאַלופּניקעס

די שניידער כאַלופּניקעס זענען ווי אַ אָפּפאַל אַוועקגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע אַרבייטספּלאַצען ביים איצטיגען שווערען קריזיס. דער גאַנצער מעטער און וועלכע זיי האָבן זיך געהאַלטען, איז צופאַלען. די קאָנפעקציאָנערע האָבן ס׳רוב פאַנקראָטירט און נאָך געבליבענע זענען געבליבען, וואָס זענען קרעדיט־פעהיג, און ווי פאַר קוקט מען אויף אין די אויגען אַריין, ווי אַ הולט מבוקש יוצא האלט עפּעס...

דער גאַנצער אַרבייטסלוין איז די כאַלופּניקעס געצאָהלט געוואָרען מיט וועקסלען מיט זעלכע ווי האָבן געדעקט זייער טעגליך געברויך, איצט נאָך 5—6 חדשים ווי די אַרבייט איז געצאָהלט געוואָרען קומען אָן פּראָטעסטע, און די פּראָטעסטע זענען עפּעס נישט פון לייכטע כוחרישען שטייגער; דער רוב וועקסלען זענען געגעבען געוואָרען די הויפּטסלייט פאַר דירה געלד און עס דראָהט איצט הונגערטער פאַמיליעס צו פאַרלירען דעם דאַך איבער׳ן קאָפּ צוליב עקסמיסיעס, אַנדערע וואָס האָבן זיי געגעבען אין די שפּייזקראָמען און עס איז פאַרשטעלט געוואָרען פאַר זיי אַזוי ווי דער יונגער קיוסק פון וואַנעט אַ ברויט אהיימצוברענגען פאַר די קינדער.

און דאָס אַלעס געשעהט נאָרעס, ווי דעם ווינטער־בעזיאָן האָט מען כמעט ווי נישט געאַרבייט און איצט ווען דער פּסח שטעהט שוין אויף נאָ גענט אונטער די פּליצעס, זענען די מאַשינען נאָך פאַריקט אין די ווינקלען.

כאָטש וועלען זיך אַרבייט א כאַ אַרבייט קוקט מען מיט פאַרזאָרגיש אין פאַרגאַנגענער אַריין צו עס וואָלט זיך נישט אַ פּאַטענטניק, אַ׳קעוועקוואַר פאַר שטייגען, און אַנקא ענט פון קראַנקען קאַסע אַרער אַנ־אַנדערער אַנשיקעניש וואָס טשאַטשקעט אויף דעם היטטען כאַלופּניק. הונגערט מען אַזוי אַן אויסזיכט, טייל פאַלען אין אַזאַ פאַרשוואַרצעטער אַריין, אַז זיי פאַרקויפען די לעצטע מאַשינען הגם זיי וויסען קלים וועט זיך מאַכען אַ ביסעל אַרבייט וועלען זיי נישט האָבען אויף וואָס צו אַרבייטען.

עס וואָלט געדאַרפט אונטערנעמען ווערען אַן אַקציע צו ראַטעווען טויזענדער יודישע אַרבייטס־פאַמיליעס פון אונטערגאַנג.

פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון „מעפּיסטאָ" אין פילהאַרמאָניע

די אָפּטיילונג פון דער וואַרשאַווער געזעלשאַפט „יודישע אַרבייטער בינה" אין לאָדז אַרבייט זעהר אינטענסיוו.

מיט׳ן אויפפיהרען דאָס ווערק „מעפּיסטאָ" פונ׳ם באַקאַנטען ריכטער אורי צבי גרינבערג איז געגעבען געוואָרען אַ צושטייער דער יודישער בינה. „מעפּיסטאָ" איז שוין געשפּילט געוואָרען 3 מאָל מיט ערפאָלג און כדי צו געבען די מעגליכקייט אויך דעם ברייטען עולם צו באַקענען זיך מיט דעם אָריגינעלען ווערק פון איינעם פון די שענסטע יודישע דיכטער ווערט געגעבען הייַנטיגע שבת אינדער־פריה אַ פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון „מעפּיסטאָ" אין פילהאַרמאָניע.

פאַר דער פאָרשטעלונג וועט ה׳ יוסף זעליקאָוויטש האַלטען אַן איינלייטונגס־וואָרט אין וועלכען ער וועט אין אַ פּאָפּולערען פאָרם דערקלערען דעם אינהאַלט און די פּראָבלעמען, וועלכע דער דיכטער האָט אין זיין ווערק באַהאַנדעלט.

פון קינאָ טעאַטער „ביקאַ"

אין קינאָ טעאַטער „ביקאַ" ווערט איצט געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג די 2־טע סעריע פון דעם העררליכען פילם א. נ. „די נקמה פון גראַף מאָנטע קריסטאָ". דער לאַנגער פילם וועלכער שילדערט די שרעקליכע איבערלעבענישען פון דעם העלד, וועלכער איז אומשולדיג אַריינגעפאַלען אין דער תפיסה דורך זיינע אַ געטען פריינד, נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרען און צוריק באַקומען דעם נאָמען גראַף מאָנטע קריסטאָ, האָט ער באַשלאָסען נקמה צו נעמען אין איהם וויל ער האָט איהם אומגערעכט זיין בעליבטע מאַרצעדעס. דער לאַנגער פילם פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי זעהר שפּאַנענדע און אינטערעסאַנטע מאָמענטען וועלכע לאָזען איבער אויפ׳ן צושויער אַ שטאַרקען איינדרוק.

שאַראַדען און רעטענישען

Nr. 110.

1) נאָר מיט קייען טוט מען עס,
2) פאַר יערען פאַלק אַן אָרט,
3) צוזאַמען ביידע „קייען ערד"
בערייטען קאָן דאָס וואָרט.

שאַראַדען-ווינקעל
קופּאָן נומער 110

פּרעמיעס:
1) 2 בילעטען אין קינאָ.
2) 1 פּאַטאַטעריע.

Nr. 111.

א) מיט א קמץ—איז דאָס נרעסטע פון אַל,
ב) מיט א מלופם — איז עס וואַ'יל,
ג) מיט א חיריק—הייסט עס אויך „דערלאַנגט",
ד) מיט א סגול—שיירט מען זיך ביים רב.

שאַראַדען-ווינקעל
קופּאָן נומער 111

פּרעמיעס:
1) 2 שט. טואַלעט זייף.
2) א פלאַש קעלניש וואַסער.

באַמערקונג: די קופּאָנען מיט די גע־לעזטע שאַראַדע, בעט מען אָבצוגעבען אין קאָנטאָר מיט די אָנגעגעבענע נעמען און אַדרעסען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" ביז מיטוואָך איינשליסליך.

די נעמען פון די זוכה בגורל וועלען אין קומענדיגען פרייטאָג־נומער פאַרעפענטליכט ווערען.

לעזונג פון נומער 106.

גער (גר) — אלעקסאַנדער

געוואונען האָבען פאַר׳ן בעסטען ענטפער:
1) נ. הערשענהאָרן, פאַנסקאַ 17, א פלאַש קעלניש וואַסער.
2) מ. בערקאָ, קילינסקי 21 צוויי טאַפעל שאָקאָלאַד.

לעזונג פון נומער 107.

שפּאַן—יען (שפּאַניען).

געוואונען האָבען פאַר׳ן בעסטען ענטפער:
1) ש. גאָלדבערג, אלעקסאַנדריסקאַ 20, צוויי שט. טואַלעט זייף.
2) א. ניבער, פּיעטריקאָווער 294, א שאַכטעל פּאַטעריע.

לעזונג פון נומער 108.

בק (ס״ו) — אלא („סאַלאַ").

געוואונען האָבען פאַר׳ן בעסטען ענטפער:
1) מ. גאַלד, פּאָמאָרסקאַ 32, צוויי טאַפעל שאָקאָלאַד.
2) ס. יורקעוויטש, זשעלאַזנאַ 22, צוויי בילעטען אין קינאָ.

Nr. 109.

דער ערשטער קלאַנג — פאַרקעהרט פון „גראַר",
דער צווייטער — מאַכט די צייטונג...
צוזאַמען דאַרף עס גרויס געגאַר
אין כלי־שער בערייטונג.

שאַראַדען-ווינקעל
קופּאָן נומער 109

פּרעמיעס:
1) א שאַכטעל פּודער.
2) צוויי שט. שאָקאָלאַד.

איז דעם גרויסען אַ־ציפילם לויט דער באַוואוסטער ערצעהלונג פון וויקטאָר האַרדאָ
POLA NEGRI
הייַנט און פאָלגענדע טעג! די גענאַלע בירגערין
די לעצטע פירשטין פון מאַסקווע
דער פילם שטעלט פאַר די גרויסע טראַגעדיע פון רוסלאַנד פאַר׳ן אויסברוך פון דער גרויסער וועלט־מלחמה.
בעמ.: פּאַססאַרטוס און פרייקאַרטען איבערינט אונגילטיג
p. Leszczyńska
בעת׳ן דעמאָנסטרירען דאָס בילד, וועט זינגען רוסישע ראָמאַנסען די אָפּערן־זינגערין

קינאָ „ERA"
פּריהער „פּלאַרא" זאַוויישאַ 22 (באַלוט)
אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען 4.30 נאָכמ. שבת און זונטאָג 12.30 מיטאָג ביי טאָג.
מ׳בעט צו קומען אויף די פריהערדיגע סעאַנסען.
דער זאַל איז גוט בעהייצט.

מאָוזאָלעאום פון מערקווירדיגקייטן
פּיעטריקאָווער 30
וואונדער פון דער נאַטור! — נאָכ׳ן געזונד ווערען פון דעם
לעבעדיגען מענש־היה קען מען איהם ווידער זעהען
גרעסטע פאַרזעהעניש פון נאַטור! 10־יעהריג קינד וועגט 250 קילאָ
לעבעדיג קינד־ריז
איינגאַנג אין אַלע אָפּטיילונגען 1 זל. — טעמיג א גאַנצען טאָג.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
בושעשינער 11, טעלעפאָן 63-37
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוועגד.

ד״ר אימיך נאַז, האַלז, אויערן קר.	4½—5½
ד״ר קערשנער קינדער־קראַנקה.	9-11 4½-5
ד״ר שיפּמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	2—12
ד״ר לוביטש הויט און געשלעכט־קר.	1½ 12½
ד״ר שמירגעלד נערווען און יעמאַליע קר.	2
ד״ר גאָלדבלאַט אויגען־קראַנקה.	1½—12½
ד״ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען	3—2
ד״ר שמערלאַוויסקי פרויען־און געבורטס־הילף	4½—5½

אימפּונגען נעגען שקאַרלאַטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען־אינסטיטוט.

ד״ר לאָזשינסקי כאָר אָפּאָלטמע
6—3 1—10
די לעטשניצע איז שטענדיג אויך וואָנטאַ

צוויי צימערען מיט א באַזונדער־אייגנאַנג
מעגליך גלייך פון די טרעפּען) צוליב לאָקאַטאָר
ווערען זאָפאָרט געזוכט. אָפּפערען אונטער „D".

לאָזשי
פאַר 1 אָדער 2 אינטע־ליגענטע יונגעלייט צו פאַרהערען נאָוואָמייסקאַ 28 פראָנט 3 שטאָק ביי לאַכמאַן

א קוואַליפיצירטער צושניידער
פון מענער בעקלייטונג אויך פון מאַגאַזין זוכט אַ פּאָסטען. אָפּפערען אונטער „צושניידער" אין עקספּ.

לאָזשי
גאַנץ בעקוועם פאַר 2 פריילינס ביי אַן אינ־טעליגענטע פאַמיליע. צו ערפאַהרען פּאָלודניאָווע 20 וו. 25.

א שטוב
מיט א קוך פּאַרטער איז פון זאָפאָרט צו פאַר־מיטען. צו ערפאַהרען גדאַנ־סקאַ 21 ביי שפּירידום

Dr. med. H. GUTSZTADT
ספּעציאַל־אַרצט פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקה.
23 צעגעלניאַנאַ 23
Zachodnia 62, tel. 129-52
נעמט־אָן פון 4—7 אָוו., אין לעטשניצע „סאַניטאַס" (צעגעלניאַנאַ 29) פון 6 8 אָוועגד.

בעניַיאונג פון דער צוקערניע „KRESY"
צוליב׳ן אַל טמיינטם קריזיס, גיב איך צו גרויס פריהשטיקען פון 6 גענג פאַר 60 גראָשען, אָוונדברויטען פון 6 גענג מיט פיש פאַר 80 גראָשען. געדענקט די אַדרעס!
צעגעלניאַנאַ 33, פּראַגט — די טיר.

Dr. M. ELIASBERG
CHIRURG
przeprowadził się na ul.
Piotrkowską 80, tel. 117-87
Przyjmuje od 4-5 po poł.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
Wodny Rynek (róg Kokilińskiej).
Od wtorku, dnia 11/2 1930 r.
do poniedziałku, dnia 17/2 1930 r.
Dla dorosłych: Dla młodzieży:
HAROLD LLOYD
w komedji
Coraz prędzej
Seanse BEZPŁATNE dla młodzieży szkół powszechnych filmu „Serce Azji" od godz. 11—13

א קירזשנער-מאַשין
„Succes" פּוילישע יג ניי פירמע איז ביליג צו פאַרקויפען צו ערפאַהרען ביי פינטשעווסקי זאַכאָדניאַ 66

„ADELFRERES” 65 PIOTRKOWSKA 65
TELEFON 169-07.

15 טעג!

פון 15 פעברואר ביזן 1 מערץ
איינשליסליך גרויסער **נאָך=סעזאָן=אויספערקויף!**

פון די לעצטע קאַרנאָוואַל=נײַהײַטען **נאָר 15 טעג!**

צו זעהר בילליגע פרייזען!

Grand-Kino

הײַנט און פאָלגענדע טעג! גרויסע פרעמיערע! פרעכטיג מייסטערווערק פון דער לעצטער פראָדוקציע! עמאָציאָנירענדע דראַמע פון א דערהאַקסענער פרוי, וועלכע פיינט זיך אין די הייראַטס=קייטען א. ג.

„ווען א פרוי פערגעסט זיך”

MARJA JACOBINI, FRANK LEDERER i HELENA HALLIER

פילם=רעאַליזאַציע פון גרויסען ווערק פון Henryk Bataille א. ג. „מאַדאַם קאַלאַברי”, בעאַרבייט Joe May אין די הויפטראָלען:

רעקאָרד אינטער לייטונג פון ה' ר. קאַנטאָר. [illegible] די פון סעאַנסען: 4 א זייגער נאָכמיטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אָוונט, שבת און זונטאָג פון 12–3 נאָכם. זיצען אַלע פלעצער צו 1 זל.

ODEON — WODEWIL

דער בעליבטעסטער קאָמיקער פון איראָפּע

קאַוואַליערען=בונט

Zygfryd Arno

אין פילם פון דער נײַעסטער פּראָדוקציע א.ג.

K. WAGG i ALBERT PAULIG

פּרעהליכע קאָמעדיע מיט'ן גאַנצען פון

אין סעריִען פּראָגראַם: א פּאַרס.

CORSO

דער סענסאַציאָנעלסטער פילם מיט דעם מייסטער פון טענסאַציע **HARRY PEEL** אין דער דראַמע א.ג.

„נקמה פון א וואַגאַבונד”

2 סעריעס ט'גאַנצע מיט א מאָל. אין סעריען פּראָגראַם: א פאַרס

פּרייזען פון די פּלעצער: לאָזשעס — 2 זל. 1-טע — 1.50 זל., 2-טע — 1.25 זל., 3-טע — 90 גראָשען.

APOLLO

הײַנט און פאָלג. טעג

PAT i PATACHON

קעמפּפען! מאַכען אַנפּאַלען! ווי לאַזען אַלעמען!
אין דעם פרייליכען פילם פון דער נײַעסטער פּראָדוקציע א. ג.:

צווישען מענשען-פרעסערס

נעקסטער פּראָגראַם: „די פרוי אויף דער לבנה”, אין די הויפּטראָלען: MARCELLA ALBANI i SCHLETTOW

סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. בייגעלמאַן.

קינא=טעאַטער „UCIECHA” 36 (ליִמאַנאָווסקיעגאָ)

PAT i PATACHON

הײַנט און פאָלגענדע טעג!!!

און דער וואָלפּיש

נעקסטער פּראָגראַם: „פירשטין מאַשאַ” (בלוטיגער פריהמאָרגען איבער דער נעוואַ) דאָס בילד ווערט אילוסטרירט מיט כאָר=געזאַנגען, אויסגעפיהרט פון א רוסישען כאָר.

אָנהייב אין וואָכענטאָג 4 נאָכמיטאָג. שבת און זונטאָג 12 א זייגער בײַטאָג. פערשטאַרקטער אָרקעסטער. דער זאַל איז גוט בעהייצט.

קינא=טעאַטער „סירענא”

KINO TEATR „SYRENA” ŁÓDŹ ALEKSANDROWSKA 37 TEL. 48-48

הײַנט און פאָלגענדע טעג! 1 גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

Clive Brook, Mary Brian, William Powell, Olga Baklanowa, Jack Luden

אין פילם **„פערגעסענע געזיכטער”**

2) **PAT i PATACHON** אַלס **„היטער פון מאַראַל”**

נעקסטער פּראָגראַם: „פון מאָנ צו מאָנ” מיט'ן אנטייל פון א כאָר פון 10 פּערזאָן. פערשטאַרקטער אָרקעסטער.

מעלדונג. צו דער יעהרליכער גענעראַל-פערזאַמלונג

פון דעם לאָדזער יודישען פ ויען-פעראײַן צו העלפען אָרימע א.ד.נ. „תומכי-עניים” גרינער-מאַרק 7

ווערען אַלע מיטגלידערינס ווי אויך סימפּאַטיקער העפליכסט אײַנגעלאַדען זונטאַג, פּינקטליך 4 א זײַגער נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון דער גמילות-חסד קאַסע גרינער מאַרק 7, אין פאַל ניט גענוגענדער צאָהל מיטגלידערינס ווערט די זעלבע זאַמלונג פאַר זיך 2-טען טערמין 7 אָהנע דעם זעלבען טאָג אין זעלבען לאָקאַל. טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג. 2) וואַהל פון א פאָרזיצענדען מיט א פּרעזידיום. 3) בעריכט פון טעטיגקייט און קאַסע פון 1929 יאָהר. 4) בעשטעטיגונג דעם בודזשעט אויף 1930. 5) וואַהלען פון א נײַער פאַרוואַלטונג און א רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. 6) פרײַע פאָרשלאַגען.

די פערוואַלטונג פון „תומכי-עניים” ביי דעם גרינעם מאַרק 7.

Dr. med. E. GUTMAN

קינדער-קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

פּיעטריקאָווער 11, טעל. 173 00

(זאַוואַדזקאַ 1) נעמט אָן פון 11–12 און 4–5 נ"מ

צאָהן=אַרצט טאַנדאַווסקאַ

גלובנאַ 51, טעל. 174-93

נעמט אָן צו לעטשניצע-פּרייזען פון 9 פריה ביז 8 אָוונט.

א לעהרער

פון ישיבה-רעקטאָר, 15 יאָהר פּראַקטיק, טראַנזיִטיר לעקציעס פאַר שילער און דערוואַקסענע: פּויליש, דײַטש, פראַנצויזיש, מאַטעמאַטיק, און בוכהאַלטעריע.

שיף, שוו. יאַקובאַ 12 רעכטע אָפיציִנע 1 שטאָק.

צו-ליב אַבריזע

איז א פּריוואַט-אַנשטאַלט צו פערקויפען פון זאַפאַרט. אָפּפערטען אונטער „Urządzenie” אין אַדמיניסטראַציע.

סוועטער געזוכט

שטאָפּפער'ס אויף ריפּס מאַשין צו ערפאָהרען קאַראָליִנע 17 בײַם פּאַרטיער.

א ג'ארט צו שלאָפען

פאַר 2 אַנשטענדיגע פּערזאָנען, צו ערפאָהרען בײַ Sacher, Kilińskiego 40 parter

---

ZARZĄD KOLEI ELEKTRYCZNEJ ŁÓDZKIEJ Spółki Akcyjnej,

zzwiadamia niniejszym PP. Akcjonarjuszów, że przystępuje z dniem 17 lutego 1930 r. do wymiany kwitów tymczasowych na oryginalne akcje Spółki V emisji. Wymiana dokonywana będzie w kasie Spółki w Łodzi przy ul. Tramwajowej No. 6, codziennie, oprócz niedziel i świąt, od godz. 8 do godz 12. 5065

SAMOCHODOWE OPONY

wszelkich marek

Poważna zniżka cen wielu wymiarów.

Żądajcie świeżych ofert.

Najtańsze źródło w Polsce.

CZĘŚCI ZAMIENNE oraz

WSZYSTKO DO AUTA!

„BERSON” „Rozental i Tenenblum” Narutowicza 16 tel. 128-30

E. W. I. G. טעע

שטעלט אַלעמען צופרידען!

די נײַעסטע ערפינדונגען

אין אַלע אויסלענדישע רעדיאָס, צובעהער און אַפּאַראַטען, די בעסטע קאָנסטרוקציע פון דער פירמע

NOWE RADJO Gdańska 12 טעל. 182-73. איבערגעבויטונגען, אויסבעסערונגען.

NOWE RADIO

פון אינטערנאַציאָנאַלען שניידער אין פּאַריז

דיפּלאָמירטער צושניידער אין דאַמענפאַך

ערפילט אַנגעבאָטען אין צושניידען פון פּראַקטיש צום בעסטען פּראַקטיש צום מיט פערשידענע צײַט - לעקציעס און אין בערופס-אויסבילדונג דיפּלאָמען.

HEIMANN, Al. 1-go Maja 7, Tel. 188-34.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר'ן מאָנאַט 18 גר. פרײַטאָג און ערב יו"ט — 24 גר. אין דער זײַט 8 שפאַלטען — 4 —60 — 8 —18 אין טעקסט — 40 — נאָכ'ן טעקסט — 12 — פאַר דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א וואָרט.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז – 5 זל. א חודש מיט צושטעלונג א היים, אויף דער פּראָווינץ – 6 זל. א חודש; אין אויסלאַנד – 8 זל. פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען טעגליך און בײַנאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat”, spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat”, Piotrkowska 21.